בעזהשי"ת

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִיש

תּוֹלְדוֹת

תשע"ט

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

## א ברסלב׳ער חסיד גייט יעדן טאג אין מקוה.

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת חיי שרה, י״ט מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

אשרינו מה טוב חלקינו אז מיר וויסן פונעם הייליגן רבי׳ן וואס איז אונז מחזק, מאכט אונז פריילין און ווייזט אונז א וועג ווי אזוי מיר קענען אויך זוכה זיין צו אלעס גוטס.

דער הייליגער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שלב): ״אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים״, איך בין א טייך וואס רייניגט פון אלע שמוציגע פלעקן; ווייל אז מען פאלגט דעם רבי׳ן איז מען זוכה צו שיינע זאכן, און אלע פלעקן און אלע עבירות ווערן אפגעוואשן.

וויסן זאלסטו אז ביי ברסלב׳ע חסידים איז מקוה איינע פון די זאכן אויף וואס מען איז זייער מקפיד, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט ״דאס ערשטע איז מקוה״ (שיחות הר״ן, סימן קמא); ווען מען וויל מתקן זיין וואס מען האט פוגם געווען בכלליות און בפרטיות אין פגם הברית איז דאס ערשטע זאך ׳מקוה׳. דעריבער וויל איך דיר מחזק זיין דו זאלסט גיין אין מקוה, אפילו עס איז שוין א לאנגע צייט וואס דו ביסט שוין נישט געגאנגען אין מקוה זאלסטו זיך באנייען פונדאסניי און גיין כאפן א טבילה, דאס וואס דיר ברענגען ישועות. אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת הדין, סימן כב): ״עַל יְדֵי טְבִילַת מִקְוֶה נִתְבַּטֵּל הַצָּרוֹת, וִישׁוּעָה בָּאָה״, אז מען טובל׳ט זיך אין מקוה איז מען מבטל אלע צרות און מען איז זוכה צו א ישועה. נאך זאגט דער רבי (שם, סימן פא): ״הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין״, אז מען גייט אין מקוה נעמט מען אוועק אלע דינים; דערפאר בעט איך דיר זאלסט גיין אין מקוה יעדן טאג גלייך ווען דו שטייסט אויף, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו גרויסע ניסים.

וואס זאל איך דיר זאגן טייערער..., אז מיר זענען מקורב צום רבי׳ן דארפן מיר פאלגן דעם רבי׳ן; דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר״ן, סימן שנד): ״עַל שְׁנֵי כִּתּוֹת אֲנָשִׁים יֵשׁ לִי רַחֲמָנוּת גָּדוֹל עֲלֵיהֶם״, אויף צוויי גרופעס מענטשן האב איך גרויס רחמנות, ״עַל אֵלּוּ אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ יְכוֹלִים לְהִתְקָרֵב אֵלַי וְאֵינָם מִתְקָרְבִים״, אויף די וואס האבן געקענט מקורב ווערן צו מיר און ווערן נישט מקורב, ״וְעַל אֵלּוּ הַמְקֹרָבִים אֵלַי וְאֵינָם מְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי״, און אויף די וואס זענען מקורב צו מיר און פאלגן מיך נישט; ״כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ, שֶׁיִּהְיֶה עֵת, בְּעֵת שֶׁיִּהְיֶה הָאָדָם מֻנָּח עַל הָאָרֶץ עִם רַגְלָיו אֶל הַדֶּלֶת, אָז יִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ הֵיטֵב, וְיִתְחָרֵט מְאֹד מְאֹד עַל שֶׁלֹּא זָכָה לְהִתְקָרֵב אֵלַי, אוֹ שֶׁלֹּא קִיֵּם אֶת דְּבָרַי. כִּי אָז יֵדְעוּ שֶׁאִם הָיוּ מְקֹרָבִים אֵלַי וּמְקַיְּמִים אֶת דְּבָרַי, לֹא הָיָה שׁוּם דַּרְגָּא בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא הָיִיתִי מְבִיאָם לְאוֹתָהּ

הַמַּדְרֵגָה, אֲבָל לֹא יוֹעִיל אָז", ווייל עס וועט קומען א צייט ווען דער מענטש וועט ליגן מיט די פיס צום טיר, דאס מיינט ווען מען וועט שטארבן - (וואס דעמאלט לייגט מען אראפ דעם מענטש אויף דער ערד מיט די פיס אויסגעדרייט צום טיר), און דער מענטש וועט זיך דעמאלט אנקוקן ווי אזוי ער זעט אויס, און ער וועט חרטה האבן: 'פארוואס האב איך נישט געפאלגט דעם רבי'ן? ווען איך וואלט ווען געפאלגט דעם רבי'ן וואלט איך זוכה געווען צו צוקומען צו די גרעסטע מדריגות אויף דער וועלט', אבער עס וועט שוין זיין צו שפעט.

זיי געזונט; איך דארף לויפן צו מיינע טייערע תלמידים די בחורים, זיי זענען ביי מיר דאס ערשטע פון אלעס. ווייל א בחור האט א צעבראכענע הארץ און דער אייבערשטער האט זיי זייער ליב.

זיי געזונט.

...

~~~~~~~~~~

**זיך שטארקן צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא; זיך היטן פון מחלוקת.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, כ' חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

וויפיל איך זאל דיר מסביר זיין דאס גרויסקייט פון לערנען א דף גמרא קענסטו זיך נישט פארשטעלן וואס דאס טוט פארן מענטש; עס פארברענט אלע קליפות און עס וואשט אפ דעם מענטש פון אלע עבירות.

דעריבער בעט איך דיר טייערער.., זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג; אפילו דו פארשטייסט נאך נישט וואס דו זאגסט - דאך זאלסטו זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא, אזוי ווי חכמינו הקדושים זאגן (שבת קו:): "גְּמָרָא גְּמוֹר זְמוֹרְתָּא תְּהֵא"; טייטשן די הייליגע צדיקים: "גְּמָרָא גְּמוֹר" - אויב דו ווערסט לערנען גמרא, דעמאלט: "זְמוֹרְתָּא תְּהֵא" - דאס איז א לשון פון 'לְזַמֵּר אֶת כָּל הֶעָרִיצִים וּלְהַכְרִית אֶת כָּל הַקּוֹצִים הַסּוֹבְבִים אֶת הַשּׁוֹשַׁנָּה הָעֶלְיוֹנָה', וואס דאס מיינט מען די נשמה פונעם מענטש; ווען א מענטש לערנט אסאך גמרא איז ער זוכה צו פארשניידן אלע קליפות און משחיתים וואס ער האט באשאפן פון זיינע עבירות, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד" גִּימַטְרִיָּא שֶׁל הַקְּלִפָּה הַמְחַטֶּאֶת אֶת הָאָדָם בִּפְגַם הַבְּרִית שֶׁנִּקְרֵאת "לִילִית", ווען א מענטש לערנט גמרא פארברענט ער די קליפה וואסווארפט אראפ א מענטש אין
~~~~~~~~~~

פגם הברית; און מען זעט אן אינטערסאנטע זאך, אז אלעס לאזט דער יצר הרע טון - ביז א דף גמרא, ווייל דאס פארברענט אים אינגאנצן.

איך בעט דיר זייער זאלסט נישט האבן צוטון מיט קיין שום מחלוקת; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן סו): "בְּמָקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דער שטן געפונט זיך דארט וואו מען קריגט זיך; זיין זאך איז מחלוקת און מען דארף אנטלויפן דערפון ווי פון פייער. דער יצר הרע שטעלט א פנים אז די מחלוקה איז לשם שמים און דאס איז זייער מסוכן ווייל אזוי כאפט ער אריין אפילו די ערליכע אידן; ער רעדט זיי איין אז עס איז א מצוה צו רעדן אויף א צווייטן וכו'.

ווען דער שטן זעט אן ערליכע חבורה, אדער א ערליכע משפחה וואס פירן זיך בדרך התורה, זיי זענען ווייט פון עבירות, און ער פרובירט מיט אלע וועגן זיי צו בייקומען, אבער עס גייט אים נישט, דאן קומט ער צו זיי מיט א פרומע'ן שלייער; ער פלאקערט אויף א מחלוקת, וואס דאס איז דער ערגסטע זאך ביים אייבערשטן, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה רעכענען אויס דאס גרויסקייט פון שלום (דרך ארץ זוטא, פרק השלום) און ווי דער אייבערשטער האט פיינט מחלוקת (דרך ארץ זוטא, פרק ט).

מיטוואך וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור פאר די פרויען, זע צו מאכן דיינע פלענער צו בלייבן אין שטוב אז דיין ווייב זאל קענען קומען זיך מחזק זיין.

א גוטן טאג.

...

~~~~~~~~~~~

**שולד-געפילן הרג'ט א מענטש.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חיי שרה, כ' חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

שטארקט אייך מיט אמונה אינעם אייבערשטן וועט איר אויסגעהיילט ווערן אינגאנצן; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דער עיקר אויף וואס א מענטש דארף ארבעטן צוצוקומען - איז אמונה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה", ווייל עס זענען דא זייער אסאך מענטשן וואס ליידן מחלות בלויז ווייל זיי האבן נישט קיין אמונה; דאס גייט ארויף אויף יסורי הנפש וואס מענטשן ליידן נעבעך, זאגט דער רבי ווייטער: "כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת
~~~~~~~~~~~

אָבוֹת", ווען א מענטש האט נישט קיין אמונה און ערליידט נעבעך פון די מחלות וואס קומט פון חסרון אמונה, דעמאלט העלפט אים נישט קיין רפואות, עס העלפט נישט קיין תפילה און אויך נישט זכות אבות. דאס גייט ארויף אויף די יסורים וואס מענטשן מאכן נעבעך מיט פון אלע סארט יסורי הנפש; עס פייניגט זיי פון אינעווייניג - יעדער מיט זיינע שלעכטע מחשבות, און די איינציגסטער רפואה אויף דעם איז אמונה.

גייט נישט ארום מיט שולד געפילן; איר זענט קיינעם גארנישט שולדיג, די שולד-געפילן הרג׳ט אייך. זייטס פרייליך מיט וואס איר זענט, דאנקט דעם אייבערשטן אויף אייער טייערע מאן נרו יאיר, אויף אייערע ליכטיגע קינדער און דער עיקר זאלט איר גלייבן אינעם אייבערשטן אז ער פירט דער וועלט און מיר זענען אין זיינע הענט.

טוטס די עצה וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות קליפה, סימן ד): "הַנֵּר מַכְנִיעַ שְׁלִיטַת הַקְּלִפּוֹת", צינדט אן א ליכט יעדן טאג און איר זאלט זאגן מזמור כ"ט אין תהלים, אזוי ווי דער רבי זאגט (שם, סימן י): "הַשִּׁבְעָה קוֹלוֹת שֶׁאָמַר דָּוִד עַל הַמַּיִם, בְּדִבּוּרָן מַכְנִיעִין הָרוּחַ רָעָה", אז מען זאגט קאפיטל כט נעמט מען אוועק דעם רוח רעה וואס כאפט זיך אריין אינעם מענטש; די ליכט זאלט איר אנצינדן לזכות רבינו נחמן בן פיגא און זאגן דערביי די תפילה וואס איך שיק אייך דא:

"רבונו של עולם איך בעט דיר זייער, העלף מיר איך זאל זיין געזונט און שטארק פיזיש און גייסטיש; איך שפיר ווי איך קען מער נישט אנגיין מיט מיין לעבן, איך בין פול מיט דמיונות און פול מיט שלעכטע מחשבות. מיינע מחשבות פייניגן מיר און מיין קאפ לויפט א גאנצן צייט צו טראכטן שלעכטס.

הייליגער באשעפער איך האב נישט קיין כח צו מיר אליינס און זיכער נישט צו מיינע קינדער; העלף מיר איך זאל שוין ווערן געזונט און איך זאל ווערן אויסגעלייזט. נעם ארויס פון מיר דעם שלעכטן רוח וואס באזשעוועט אין מיר. העלף מיר איך זאל קענען מגדל זיין מיינע קינדער לתורה זיי זאלן זיין ערליכע אידן. הייליגער באשעפער העלף מיר אז איך זאל מצליח זיין בזכות די הייליגע צדיקים וואס האבן זיך מוסר נפש געווען פאר דיר, און בפרט דער הייליגער רבי - רבינו נחמן בן פיגא זכותו יגן עלינו, און רבינו אליעזר שלמה בן מלכה זכותו יגן עלינו, אמן.

מִזְמוֹר לְדָוִד הָבוּ לַה׳ בְּנֵי אֵלִים הָבוּ לַה׳ כָּבוֹד וָעֹז, הָבוּ לַה׳ כְּבוֹד שְׁמוֹ הִשְׁתַּחֲווּ לַה׳ בְּהַדְרַת קֹדֶשׁ. קוֹל ה׳ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים ה׳ עַל מַיִם רַבִּים. קוֹל ה׳ בַּכֹּחַ קוֹל ה׳ בֶּהָדָר. קוֹל ה׳ שֹׁבֵר אֲרָזִים וַיְשַׁבֵּר ה׳ אֶת אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן. וַיַּרְקִידֵם כְּמוֹ עֵגֶל לְבָנוֹן וְשִׂרְיֹן כְּמוֹ בֶן רְאֵמִים. קוֹל ה׳ חֹצֵב לַהֲבוֹת אֵשׁ. קוֹל ה׳ יָחִיל מִדְבָּר יָחִיל ה׳ מִדְבַּר קָדֵשׁ, קוֹל ה׳ יְחוֹלֵל

**אַיָּלוֹת וַיֶּחֱשֹׂף יְעָרוֹת וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד, ה' לַמַּבּוּל יָשָׁב וַיֵּשֶׁב ה' מֶלֶךְ לְעוֹלָם, ה' עֹז לְעַמּוֹ יִתֵּן ה' יְבָרֵךְ אֶת עַמּוֹ בַשָּׁלוֹם".**

און לייגט צו אייערע אייגענע תפילות וועט איר זען די ניסים וואס דער אייבערשטער וועט אייך מאכן.

פארשטייט זיך אז איר וועט אויסגעהיילט ווערן נאר אז איר וועט האבן אמונה אין רבינ'ס ווערטער; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן קפו): פארוואס זעט מען ביי די מענטשן פון מדינת קיר"ה אז זיי זעען שטענדיג מופתים פון צדיקים, ווייל זיי האבן א שטארקע אמונה אין די צדיקים; זאגט דער רבי: "**כִּי בֶּאֱמֶת הַצַּדִּיק בְּוַדַּאי מָלֵא מוֹפְתִים**", ביים צדיק איז דא נאר מופתים, ווען מען גלייבט אין זיינע ווערטער און מען לייגט צו קאפ צו יעדעסווארט וואס דער צדיק זאגט דעמאלט זעט מען נאכדעם גרויסע מופתים.

...

~~~~~~~~~~~

**זיך מחזק זיין און זיך פרייען מיט יעדע טראפל גוטס וואס מען האט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חיי שרה, כ"א מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

מען דארף זיך מחזק זיין מיט וואס מען האט יא, נישט וויינען אויף וואס מען האט נישט; געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר האבן א רבי וואס פארציילט אונז וואס איז חשוב אויבן אין הימל. ביי אנדערע חסידות'ער ווייסט מען נישט וואס איז באמת חשוב אויבן אין הימל דערפאר איז מען נישט פרייליך מיט די נקודות טובות אבער דער הייליגער רבי האט אונז אנטפלעקט וואס טוט זיך אויבן אין די עולמות העליונים, אז דארט איז אלסדינג טייער (סיפורי מעשיות, מעשה א); ביים אייבערשטן איז חשוב יעדע נקודה טובה וואס מיר טוען און דאס דארף אונז דערפרייען, בפרט ווען מיר האבן באמת מיט וואס זיך צו פרייען, אז מיר זענען אנגעפילט מיט מצות ומעשים טובים.

עס איז דא א דיבור פון הייליגן רבי'ן: "וואס דארף א נפטר זארגן אז ער ליגט אויף דער ערד מיט זיין בארד און פיאות"; מיט דעם ווארט אליינס קען מען זיך מורא'דיג מחי' זיין, ברוך השם אז מיר האבן א בארד און פיאות און מיר טראגן אויף זיך דעם צלם אלקים.

דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן יז): דער אייבערשטער האט הנאה פון יעדן איינציגסטן איד; אפילו א פושעי ישראל, כל זמן ער האט נאך אויף זיך דעם שם ישראל, אז מען רופט אים נאך פושעי 'ישראל', האט דער אייבערשטער פון אים זיכער א נחת
~~~~~~~~~~~

רוח. "וְיֵשׁ לִפְעָמִים" - עס איז דא אמאל, זאגט דער רבי - "שֶׁאֵיזֶה פָּחוּת שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל עוֹשֶׂה נַעֲנוּעַ עִם הַפֵּאָה שֶׁלּוֹ, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ הִתְפָּאֲרוּת גָּדוֹל גַּם מִזֶּה", וואס א שוואכער איד געבט א דריי מיט זיין פאה און דער אייבערשטער האט פון דעם הנאה.

דער רבי לערנט אונז מיר זאלן זיך מחזק זיין מיט יעדע נקודה טובה, מיר זאלן זיין פרייליך מיט אונזער בארד און פיאות. מען זעט היינט נעבעך בחורים און אינגעלייט שניידן זיך די בארד און פיאות, דאס קומט נאר ווייל זיי זענען ביי זיך זייער צעבראכן, זיי זענען ביי זיך אפגע׳פסק׳נט אז זיי זענען גארנישט ווערד, דאס איז די סיבה פארוואס מען הייבט מען אן צו שניידן די בארד און פיאות. דאס זעלבע מיט ציצית און תפילין; מען איז ביי זיך אזוי אראפגעקלאפט ביז מען טוט נישט אן קיין ציצית און תפילין.

לאך דיר אויס וכו׳, דער עיקר זע אריין צו כאפן גוטע נקודות און מעשים טובים.

...

~~~~~~~~~~~

**גיין בצניעות אויפ׳ן גאס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ"א מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האב זייער הנאה געהאט צו ליינען וואס דו שרייבסט וכו׳; זייער גוט טוסטו אז ווען דו גייסט אין גאס צווישן מענער גייסטו אויף די זייט בצניעות וכו׳ און דו געבסט אכטונג צו זיין ווי מער באשיידן, אין דעם זכות וועסטו זכה זיין צו ערליכע קינדער. אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המדות, אות בנים, סימן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה, מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", א פרוי וואס פירט זיך איידל און צניעות׳דיג וועט זוכה זיין צו גוטע קינדער; דאס איז שייך ווען מען איז נאך א מיידל און אויך ווען מען האט חתונה, אז מען היט זיך אפ צו זיין איידל און ערליך איז מען זוכה צו קינדער און אייניקלעך ערליכע אידן.

זארג נישט פאר דיין שידוך; דו וועסט מיטן אייבערשטנס הילף טרעפן א גוטע שידוך. איך הער זייער גוטע גריסן אויף דיר, אז דו פירסט זיך מיט גוטע מידות. מוהרא"ש זאגט אויף דעם וואס מיר זאגן ביים דאווענען (פרשת הקטורת; כריתות ו:): "אִם כְּמִדָּתָהּ - כְּשֵׁרָה לַחֲצָאִין", אִם כְּמִדָּתָהּ - איינער וואס האט גוטע מידות, איז שוין א סימן: כְּשֵׁרָה - אז ער איז אן ערליכער איד; ווייל מידות איז א זאך וואס מען קען זיך נישט טוישן אויף דער עלטער.
~~~~~~~~~~~

דערפאר אז איך הער פון די מנהלת תחי' און פון דיינע טיטשערס אז דו פירסט זיך מיט דרך ארץ און מיט איידלקייט וועסטו זיכער באקומען א בחור מיט יראת שמים; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ב.): "אֵין מְזַוְּגִין לוֹ לְאָדָם אִשָּׁה אֶלָּא לְפִי מַעֲשָׂיו", דער אייבערשטער מאכט שידוכים לויט ווי אזוי דער מענטש איז, ווייל (מכות י:): "בַּדֶּרֶךְ שֶׁאָדָם רוֹצֶה לֵילֵךְ בָּהּ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ", אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, אויף דעם וועג פירט מען אים.

ווען מען ווארט פאר א שידוך דארף מען האבן סבלנות, מען דארף בעטן דעם אייבערשטן און ווארטן אז עס זאל קומען די ריכטיגע מינוט ווען די שידוך וועט ווערן; דאס מיינט נישט אז מען זאל אויפהערן צו דאווענען און בעטן פאר א שידוך, מען דארף בעטן און בעטן און נישט אויפהערן בעטן דעם אייבערשטן מען זאל באקומען א גוטע שידוך, אבער מען טאר נישט אריין פאלן אין א פאניק אז עס מוז היינט ווערן וכו' און מען דארף אכטונג געבן נישט צו זיין א דוחק את השעה. חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות סד.): "כָּל הַדּוֹחֵק אֶת הַשָּׁעָה - הַשָּׁעָה דוֹחַקְתּוֹ", ווער עס עקשנ'ט זיך - ער זאגט 'עס מוז יעצט געשען דאס וואס ער וויל', דער וועט ווערן זייער אנטוישט און צעבראכן, נאר מען דארף ווארטן און גלייבן אז די ישועה וועט קומען בקרוב.

...

~~~~~~~~~~~

**פאלגן דעם ציין דאקטער.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חיי שרה, כ"א מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

א איד איז געקומען פארציילן פארן רבי'ן אז ער האט זיך גע'חלומ'ט א שלעכטע חלום, אז זיין ציין איז אים ארויס געפאלן און ער האט מורא פון דעם חלום, ווייל מיט דעם ווייזט מען אים פון אויבן אז זיינע חכמות וועלן בטל ווערן און אוועק פאלן. האט אים דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תנז): "אַדְּרַבָּה, הַשְּׁטוּת שֶׁלְּךָ יִתְבַּטֵּל", פונקט פארקערט, נישט דיינע חכמות וועלן בטל ווערן, נאר דיינע שטותים וועלן אוועק פאלן, עיין שם.

דאס זעלבע זאג איך אייך, אז דער ציין דאקטער זאגט אז מען דארף ארויס שלעפן די ציין וואס איז אינפעקטעד וכו' און עס איז נישט דא וואס צו טון מיט דעם, זאלט איר טון וואס דער ציין דאקטער זאגט, האטס נישט מורא; מיט דעם וועט מקוים ווערן ביי
~~~~~~~~~~~

אייך די שיחה פון רבי׳ן, אלע אייערע דמיונות און בלבולים וועלן אוועק פאלן פון אייך, איר וועט זיין געזונט און שטארק און שעפן נחת פון אייערע קינדער.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט פון א איד מעסט זיך וויפיל ער דערהאלט זיך ווען ער גייט אריבער שוועריקייטן; דאס אייגנארטיגקייט פון "היכל הקודש"; נישט לעבן אין פאנטאזיע לאנד, נאר ארייכאפן יעדן טאג תורה מצוות און מעשים טובים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת חיי שרה, כ"ב מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך בעט דיר טייערער ...., שטארק זיך מיט אלע כוחות! איך ווייס און שפיר דיין צער און ווייטאג וואס דו גייסט יעצט אריבער וכו׳, מיט דעם אלעם דארפן מיר געדענקען אז דער רבי האט אונז אנגעגרייט געוואלדיגע אוצרות און חיזוק אז מיר זאלן זיך קענען דערהאלטן אין אלע מצבים.

ווען עס גייט אריבער אויפן מענטש שוועריקייטן און דער מענטש דערהאלט זיך איז א סימן אז דער מענטש איז בטל צום אייבערשטן; ווייל מיט דעם מעסט מען דאס גרויסקייט פון א איד - לויט וויפיל ער דערהאלט זיך. אז אין א צייט ווען עס גייט אריבער אויף אים איבערגייענישן לאזט ער נישט אפ די אמונה, ער גייט ווייטער אין שול דאווענען און ער איז ווייטער מקיים די מצוות מיט שמחה.

מיין נישט אז א צווייטער מוטשעט זיך ווייניגער ווי דיר; יעדער איינער מוטשעט מען מיט זיינע נסיונות. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב׳, סימן קיט): יעדער איינער ליידט יסורים, עס איז נישט פארהאן א מענטש אויף דער וועלט וואס זאל נישט האבן קיין יסורים. און אפילו די גרויסע עשירים זענען אויך פול מיט יסורים, אזוי ווי עס שטייט (איוב ה, ז): "אָדָם לְעָמָל יוּלָּד, קְצַר יָמִים וּשְׂבַע רֹגֶז", א מענטש איז באשאפן געווארן זיך צו מוטשען, דאס לעבן פון א מענטש איז ווייניג און פול מיט ווייטאג, אזוי אויך זאגט שלמה המלך (קהלת ב, כג): "גַּם כָּל יָמָיו כַּעַס וּמַכְאוֹבוֹת", דאס גאנצע לעבן איז פול מיט כעס און ווייטאג; עס איז נישט דא קיין שום עצה וואו צו אנטלויפן נאר צום אייבערשטן און צו די תורה.

אז עס גייט איבער אויף דיר נסיונות איז דא איין פלאץ וואו דו קענסט זיך באהאלטן פונעם יצר הרע - אין די הייליגע תורה; עס איז נישט דא קיין בעסערע פלאץ וואו צו אנטלויפן ווען מען האט א צרה ווי צו די הייליגע תורה. אזוי ווי חכמינו זכרונם
~~~~~~~~~~~

לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק ו): "אִם רָאִיתָ שֶׁהַיִּסּוּרִין מְמַשְׁמְשִׁין וּבָאוֹת עָלֶיךָ, רוּץ לְחַדְרֵי דִּבְרֵי תּוֹרָה, וּמִיָּד הַיִּסּוּרִין בּוֹרְחִין מִמְּךָ", אויב דו זעסט אז עס קומען אויף דיר צרות און יסורים, אנטלויף צו די הייליגע תורה, דורכדעם וועסטו גערעטעוועט ווערן.

ווי גליקליך זענען מיר אז מיר זענען מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן, מיר געפונען זיך אין 'היכל הקודש' קודש קדשים; א פלאץ פון 'תכלית', א פלאץ פון 'לעובדא ולמעשה', אן קיין דריידלעך אן קיין פשעטלעך, ללא כחל ושרק. אין היכל הקודש איז יעדעס ווארט פונעם רבי'ן קודש קדשים.

ליידער אין ברסלב אליין קען מען לעבן אין א גרויסע פאנטאזיע; מען קען אריבער גיין דאס לעבן אן איינמאל ענדיגן 'ששה סדרי משנה', אן ענדיגן איין מאל ש"ס, אן ענדיגן איינמאל דעם הייליגן רבינ'ס ספרים. וואס איז דער סימן צי מען לעבט נישט אין פאנטאזיע, ווי אזוי קען מען וויסן צי מען נארט זיך נישט? אויב מען האט סחורה אין די האנט, דאן איז א סימן אז מען נארט זיך נישט. ממילא דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר האבן סחורה אין האנט.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן ו): "הַיֵּצֶר הָרָע דּוֹמֶה כְּמוֹ מִי שֶׁהוֹלֵךְ וְרָץ בֵּין בְּנֵי־אָדָם, וְיָדוֹ סְגוּרָה וְאֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּתוֹכָהּ", דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו א מענטש וואס לויפט צווישן מענטשן מיט א פארמאכטע האנט, ער פאפט אויס אלעמען און פרעגט זיי: "וואס האב איך אין מיין האנט?" און פאר יעדעם דאכט זיך אז ער האט אין זיין האנט דאס וואס ער וויל, דעריבער לויפן אים אלע נאך ווייל מען מיינט אז מען וועט באקומען די זאך וואס מען וויל, "וְאַחַר־כָּךְ הוּא פּוֹתֵחַ אֶת יָדוֹ וְאֵין בָּהּ כְּלוּם", ביים ענדע עפנט ער זיין האנט און מען זעט אז עס איז גארנישט דא דארט, אזוי אויך - זאגט דער רבי - איז מיטן יצר הרע, "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא מְרַמֶּה כָּל הָעוֹלָם, וְהַכֹּל רָצִים אַחֲרָיו וּמְרַמֶּה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד", ער רעדט איין א מענטש אז ער זאל אים נאכלויפן ווייל אזוי וועט ער באקומען אלע זיינע תאוות, אבער ביים סוף ווען דער מענטש גייט אוועק פון דער וועלט, עפנט ער זיין האנט און מען דערזעט זיך אינגאנצן אפגעפאטשט; מען איז אים נאכגעלאפן א גאנץ לעבן אומזיסט.

כל זמן מען לערנט נישט יעדן טאג אביסל חומש רש"י, משניות און גמרא איז מען אין פאנטאזיע; אז מען לערנט נישט דעם הייליגן רבינ'ס ספרים וואספארא שייכות האט מען מיטן רבי'ן?!

איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב זוכה געווען צו מקורב ווערן צום הייליגן רבי'ן דורך מוהרא"ש זכר צדיק לברכה; וויפיל איך זאל נאר דאנקען דעם אייבערשטן איז נישט דא גענוג לויב ווערטער צו דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם, ווייל ווען מען

איז זוכה מקורב ווערן צום רבי'ן באקומט מען א נייעם שכל, א ריינער קאפ, און א לויטערן מח; מען לעבט מיטן אייבערשטן, מען לעבט מיט תכלית - מען ווייסט אז איין טאג וועט מען דארפן אוועק גיין פון דער וועלט, מען וועט זיין א גוסס און א נפטר, און דעמאלט וועט גארנישט איבער בלייבן פון אונז, נאר דאס ביסל תורה ותפילה וואס מיר האבן זוכה געווען אריין צו כאפן יעדן טאג.

שטארק דיר טייערער..., פארליר זיך נישט!

היינט נאכט קומט פאר די פרויען צוזאמקום; זע צו בלייבן אין שטוב מיט די קינדער אז דיין ווייב זאל קענען קומען זיך מחזק זיין.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי מצליח צו זיין אין געריכט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חיי שרה, כ"ב מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב גרויס צער פון די גאנצע פרשה וואס דו גייסט אריבער ה"י; מען האט דיר צוגענומען דיינע קינדער דורך אן עלילת שוא אז דו און דיין ווייב פייניגן די קינדער. דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל נמתק ווערן פון דיר אלע דינים און אלעס זאל נתהפך ווערן לטובה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (ליקוטי עצות, התחזקות, סימן לו): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁמִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", דו זאלסט בקרוב צוריק באקומען דיינע קינדער און זיי מגדל זיין צוזאמען מיט דיין אשת חיל תחי' לתורה לחופה ולמעשים טובים.

אז דו דארפסט זיך שטעלן פרייטאג אין געריכט און מען גייט דיר אויספרעגן און דיר חוקר ודורש זיין אויף די מסירות וכו', וועל איך דיר דערציילן א מעשה וואס האט זיך אפגעשפילט ביים הייליגן רבי'ן.

א איד אין רבינ'ס צייטן האט געמאכט א געשעפט מיט די פריצים פון וויניצע, ער האט זיך אונטערגענומען צוצושטעלן מעל פאר די מיליטער, למעשה איז דאס זיי נישט געפאלן, ער האט זיך פאראמפערט מיט די רעגירונג און עס האט אים געווארט א משפט פון דיני נפשות; חוץ די געלט וואס זיי האבן פארלאנגט פון אים האבן זיי אים פערזענליך געוואלט שעדיגן.

דאס איז געווען פאר דעם יום טוב שבועות האט דער איד געטראכט אז ער וועט פארן צום רבי'ן אויף שבועות וועט ער זיך קענען דורך שמועסן מיטן רבי'ן וואס צו
~~~~~~~~~~~

טון; יענעם יאר, שנת תקס"ו האט דער רבי געזאגט די תורה: "הַאי גַּבְרָא דְּאָזֵל בָּעֵי אִתְּתָא וְלָא קָיָהֲבִי לֵהּ (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן כט)", דער איד האט זיך גוט צוגעהערט צו די תורה, און ער האט געהערט ווי דער רבי זאגט: "לֹא כָּל דִּבּוּר נִקְרָא דִּבּוּר, כִּי דִּבּוּר שֶׁאֵינוֹ נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל אֵינוֹ נִקְרָא דִּבּוּר", ווען מען רעדט און קיינער הערט נישט אויס וואס מען רעדט, הייסט עס כאילו מען האט נישט גערעדט. נאר ווען מען הערט אויס וואס מען רעדט דעמאלט איז א סימן אז דער מענטש רעדט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים יט, ד): "אֵין אֹמֶר וְאֵין דְּבָרִים - בְּלִי נִשְׁמָע קוֹלָם".

וואס איז די עצה מען זאל ווען אויסהערן דעם מענטש ווען ער רעדט? זאגט דער רבי: "וְעִקַּר מַה שֶּׁנִּתְקַבֵּל הַדִּבּוּר, הוּא מֵחֲמַת הַטּוֹב שֶׁיֵּשׁ בּוֹ, כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים", אלע האבן ליב צו הערן גוטע ווערטער, ווען מען רעדט גוטע ווערטער הערט מען צו וואס מען רעדט, "וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ טוֹב בְּהַדִּבּוּר, אֲזַי הַדִּבּוּר נִשְׁמָע וְנִתְקַבֵּל", דעריבער, ווען מען רעדט גוטע ווערטער ווען אלע צוהערן וואס מען רעדט, "אֲבָל כְּשֶׁאֵין טוֹב בְּהַדִּבּוּר אֵינוֹ נִתְקַבֵּל", אבער אויב רעדט מען נישט קיין שיינע ווערטער וועט מען דאס נישט אננעמען, "וְאֵיךְ עוֹשִׂין הַטּוֹב בְּהַדִּבּוּר?" ווי אזוי קען א מענטש זוכה זיין צו רעדן פאזעטיוו, צו רעדן איינגענעמע ווערטער, אז מענטשן זאלן אים אויסהערן און אננעמען וואס ער זאגט? "הוּא עַל יְדֵי שֶׁלּוֹקְחִין הַדִּבּוּר מֵהַדַּעַת, אֲזַי יֵשׁ בּוֹ טוֹב, אֲבָל כְּשֶׁהַדִּבּוּר בְּלֹא דַּעַת, אֲזַי אֵין בּוֹ טוֹב", אז מען רעדט מיט שכל; ווען מען רעדט שכל'דיגע ווערטער דעמאלט איז דא גוטס אין די ווערטער און אלע נעמען אן וואס ער זאגט, אבער אז נישט זענען די ווערטער נישט גוט, "וּלְהָקִים וּלְרוֹמֵם אֶת הַדַּעַת, הוּא עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, כְּשֶׁמְּשַׁבְּחִין וּמְפָאֲרִין אֶת הַצַּדִּיקִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְרוֹמֵם הַדַּעַת", און דער רבי ענדיגט: ווי אזוי קומט מען צו האבן שכל? אז מען רעדט פון דאס גרויסקייט פון צדיקים.

הערנדיג די תורה האט דער איד געטראכט צו זיך: איין מינוט, דער רבי רעדט דאך צו מיר, דער רבי זאגט דאך: "עַל יְדֵי שֶׁבַח הַצַּדִּיקִים, הַדִּבּוּר נִשְׁמַע וְנִתְקַבֵּל", אז מען לויבט די צדיקים ווערט אנגענומען וואס מען זאגט; איז ער זייער נתעורר געווארן און ער האט געטראכט צו זיך: 'דאס דארף איך דאך יעצט, אז מיינע רייד זאלן ווערן אנגענומען ביי די פריצים, אזוי וועל איך געראטעוועט ווערן פון אלע צרות און נאך ארויס גיין מיט א גרויסע ריווח'.

ער האט ביי זיך אפ געמאכט אז דאס גייט ער טון; תיכף מוצאי יום טוב האט ער זיך ארויס געלאזט אויפן וועג קיין וויניצע צו די פריצים, און א גאנצע וועג האט ער נאר גערעדט בשבח הצדיקים, סיי פארן בעל עגלה האט ער במשך די גאנצע וועג דערציילט פון הייליגן רבי'ן ז"ל און סיי ווען מען איז אנגעקומען קיין וויניצע האט ער פאר יעדן

איינעם פארציילט פון רבי׳ן, אזוי אויך דארט וואו ער איז איינגעשטאנען האט ער גערעדט בשבח הצדיקים. און פלאי פלאים, ווען ער איז אנגעקומען צו די פריצים און פארגעלייגט זיינע טענות האט מען אים אויסגעהערט און אים געגעבן גרויס כבוד, ער איז געראטעוועט געווארן פון די סכנה און איז אהיים מיט א גרויסן ריווח (קוק נאך די מעשה אין ספר פעולת הצדיק אות תקצד, די גאנצע מעשה באריכות).

דער איד איז געקומען צו פארן צום רבי׳ן אויף שבועות כדי צו רעדן פריוואט מיטן רבי׳ן אויף זיין צרה, למעשה איז ער אהיים געפארן אן רעדן מיטן רבי׳ן ווייל ער האט פארשטאנען אז דער רבי מיינט אים ביי די תורה.

דאס זעלבע זאלסטו טון; רעד נאר פון שבח הצדיקים מיט יעדן איינעם, וועלן דיינע דיבורים האבן חן און מען וועט דיר צוריק געבן דיינע קינדער.

...

~~~~~~~~~~~

**דאס שעדליכקייט פון פארמאגן כלים מיט צוטריט צו מאוויס וכדומה.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת חיי שרה, כ״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

וויפיל איך זאל דיר שרייבן וועגן דעם חומר הענין פון האבן אין שטוב א קאמפיוטער, סמארט-פאון וכו׳ איז נישט גענוג; דאס האט שוין ליידער חרוב געמאכט צענדליגער משפחות. א מענטש כאפט נישט אז ער מאכט זיך חרוב זיין שטוב מיט זיינע אייגענע הענט מיט דעם וואס ער ברענגט אריין אין שטוב א כלי וואס מען קען קוקן דערויף מאוויס וכדומה.

ווי שעמסטו זיך נישט צו האבן אן אפענעם סעלפאון וואו מען קען זען ניאוף און גילוי עריות רחמנא לצלן?! ווען מען האט אן אפענעם קאמפיוטער מיט אינטערנעט אדער אן אייפאד, סמארט-פאון וכו׳, קען מען דאך זען אלע שמוץ אויף די וועלט! דאס נעמט אוועק די גאנצע יראת שמים פון א מענטש, דאס קילט אפ די אמונה פון א איד און ברענגט אריין אין אים כפירות און אפיקורסות, און נאכדעם ווערט מען אינגאנצן אומגליקליך.

איך בעט דיר מיין טייערער..., איך ווייז צו דיר מיין ליבער..., האלט נישט קיין סעלפאון וואס מען קען זען דערויף גארביטש רחמנא לצלן; ווען מען קוקט שמוציגע מאוויס וכו׳ ווערט מען צוגעקלעבט צו דעם און עס איז זייער שווער זיך אפצוגעוואוינען דערפון; אזוי ווי די וואס זענען צוגעבינדן און עדיקטעד צו דראגס וכו׳
~~~~~~~~~~~

אדער צו אלקאהאל וכו׳ קענען זיך נישט אפרייסן דערפון, אזוי אויך דער וואס האט א קאמפיוטער מיט אינטערנעט, אדער א אייפאד, סמארט-פאון, טעבלעט וכו׳ און קוקט שמוציגע מאוויס וכו׳, דער ווערט אזוי צוגעקלעבט דערצו ביז עס איז אים שוין זייער שווער ארויסצוקריכן פון דעם. דער מח ווערט אינגאנצן אויסגעברענט פון די אלע עקלדיגע שמוציגע מאוויס, ביז מען פאלט אראפ אין ביטערע עבירות רחמנא לצלן און נאכדעם הייבט מען אן צו האבן קשיות אויף די אמונה רחמנא לצלן. מען טאר אויף קיין שום פאל נישט האבן אין שטוב אן אפענעם קאמפיוטער מיט אינטערנעט, אדער א סמארט-פאון וואס איז נישט געפילטערט.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סנהדרין מה.): ״אֵין יֵצֶר הָרַע שׁוֹלֵט אֶלָּא בַּמֶּה שֶׁעֵינָיו רוֹאוֹת״, ווען מען היט זיך נישט די אויגן און מען קוקט אויף שמוציגע בילדער, שמוציגע מאוויס, דורכדעם פאלט מען אראפ אין עבירות; וואויל איז דעם וואס האט שכל און פאלגט וואס אלע ערליכע אידן זאגן, ער האלט זיין שטוב ערליך און ריין, דער וועט זוכה זיין צו זען נחת ביי זיינע קינדער און אייניקלעך.

וויפיל בריוו האט מוהרא״ש זכרונו לברכה געשריבן צו תלמידי היכל הקודש ווי ער בעט זיך מיר זאלן אכטונג געבן אויף אונזערע קינדער, אויף אונזערע דורות און מיר זאלן נישט האבן אין שטוב קיין קאמפיוטער, סמארט-פאון, אייפאד; וויפיל האט מוהרא״ש געוויינט ביי די שיעורים מיר זאלן נישט האבן קיין שום שייכות מיט סאשעל מידיע; מילא אז מען דארף עס פאר די ארבעט איז איין זאך, אבער אין שטוב איז נישט דא קיין שום תירוץ דאס צו האבן.

וואס טראכסטו, איך האב איבעריג צייט דיר צו שרייבן?! עס קומט מיר אן זייער שווער דיר צו שרייבן, נאר איך וויל דיר העלפן, איך מיין דיין גוטס, איך מיין דיין עתיד.

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט באקומען שכל צו קענען מאכן דיין גוטע החלטה מער נישט צו האבן קיין שייכות מיט די זאכן, וועט דיר גוט זיין בזה ובבא.

...

~~~~~~~~~~

**א שאד אפצולעבן ימים ושנים מיט פחדים.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת חיי שרה, כ״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין ברייוו.
~~~~~~~~~~

אז דיין פוס איז שוין פארהיילט זאלסטו צוריק אנהייבן גיין אין מקוה; דו שרייבסט מיר אז דו האסט פחדים פון מקוה, די עצה אויף איז אז דו זאלסט גיין אין מקוה ווייל דורך מקוה ווערן אלע דינים אוועק גיין, אויך איז מקוה אן עצה פאר פחדים, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, סימן יח): "שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וְעֶשֶׂר טְבִילוֹת מְבַטְּלִין הַפַּחַד", אז מען טובל'ט זיך דריי הונדערט און צען מאל אין מקוה גייט אוועק דער פחד; מיין זון אלחנן חיים נרו יאיר האט מיר געזאגט א רמז אויף דעם, אז עס שטייט אין תהילים (עו, יב): "שַׁי לַמּוֹרָא", דא איז מרומז אז 'שַׁ"י' דריי הונדערט און צען איז מסוגל 'לַמּוֹרָא' פאר פחדים; שפעטער האב איך געזען אז דער טשערינער רב זכר צדיק לברכה ברענגט דעם רמז אין זיינע מראה מקומות, ער טייטשט אויס אז יובלו מיינט יטבלו, עיין שם.

דאס וואס דו ביסט אזוי שוואך, דאס קומט פון דיינע פחדים וואס בוזשעוועט אין דיר, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (גיטין ע.): דריי זאכן מאכן שוואך דעם מענטש, די ערשטע זאך איז פחד; דו גייסט ארום מיט אומזיסטע פחדים: 'וואס גייט זיין?' 'אפשר גיי איך שטארבן?' פארוואס זאלסטו טראכטן און מורא האבן אז אפשר גייסטו שטארבן ווען יעדער איינער דארף דאך צום סוף שטארבן? קיינער בלייבט נישט דא בזה העולם, מיר אלע זענען צייטוויייליגע געסט. דו ווייסט דאך די מעשה וואס האט פאסירט ביים רבי'ן, אז א איד איז געקומען וויינען צום רבי'ן אז זיין זון איז נישט געזונט און ער איז זייער דערשראקן פון שטארבן, האט דער רבי גערופן דעם זון און אים מחזק געוועזן, ער האט אים געזאגט: "וואס האסטו אזוי מורא פון שטארבן, יענע וועלט איז פיל א שענערע וועלט ווי די וועלט", און דער רבי האט אים מחזק געוועזן ער זאל נישט מורא האבן פון אוועק גיין פון דער וועלט (חיי מוהר"ן, סימן תמה).

א שאד אפצולעבן ימים ושנים מיט פחדים: 'וואס גייט זיין?' און 'וואס גייט זיין נאכדעם?' לעב מיטן יעצט; יעצט ביסטו געזונט, יעצט האסטו נחת, יעצט האסטו שלום בית, נו פארוואס זיך זארגן מיטן עתיד?! זינג זיך דעם מאמר החכם (עיין בספר פלא יועץ, ערך דאגה): "הֶעָבָר אַיִן", וואס איז שוין געוועזן איז געוועזן, "וְהֶעָתִיד עֲדַיִן", וואס גייט זיין איז דאך נאך נישט דא, "וְהַהוֹוֶה כְּהֶרֶף עַיִן", און די הוה איז דאך נישט מער ווי איין רגע, "דַאֲגָה מִנַּיִן", איז דאך נישט שייך צו דאגה'נען; ווען א מענטש דאגה'ט העלפט דאס נישט פארן פראבלעם, עס מאכט נאר אז דער מענטש זאל ווערן אפגעשוואכט.

אנטלויף צו די תורה וועסטו ניצול ווערן פון אלע פחדים; פארצייל שיינע זאכן פון די פרשה וועסטו ניצול ווערן פון פחד, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות פחד, סימן

לב): "עַל יְדֵי לִמּוּד תּוֹרָה עַל הַשֻּׁלְחָן בִּשְׁעַת סְעוּדָה נִצּוֹל מִפַּחַד", אז מען לערנט בשעת'ן עסן ווערט מען געראטעוועט פון אלע פחדים.

בנוגע אריין שיקן די קינדער אין ברסלב'ע מוסדות וכו'; די עצה פאר דעם איז נאר תפילה, מען דארף מאכן אסאך תפילה - קודם פאר זיך אליינס, אז מען זאל בלייבן מקושר צום רבי'ן און נישט זיין קיין אלטער חסיד, און אויך אסאך תפילה פאר די קינדער און אייניקלעך זיי זאלן זיין ערליכע אידן.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**קוק נאר אויף דיר אליין, וועסטו האבן חיזוק אויפ'ן סדר דרך הלימוד.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חיי שרה, כ"ג מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו דארפסט פון מיר חיזוק?! קוק זיך אן וועסטו האבן חיזוק. דו ביסט קוים מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן און אין א קורצע צייט האסטו שוין זוכה געווען צו מסיים זיין מסכת ברכות פון תלמוד בבלי; וואס איז שייך א גרעסערע חיזוק אויפן 'סדר דרך הלימוד' ווי דו זאלסט זיך אליינס אנקוקן?!

מען קען דורך לעבן א גאנץ לעבן אן אפילו איין מאל ענדיגן א מסכתא, ווער רעדט נאך פון ששה סדרי משנה, אבער ווי נאר מען איז זוכה אוועקצולייגן אלע חכמות און מען הייבט אן לערנען אויפן סדר דרך הלימוד, לערנט מען דורך די גאנצע תורה אין א קורצע צייט.

קוק נישט אויף קיינעם, דער עיקר זאלסטו קוקן אויף זיך אליינס; מענטשן קען מען אפנארן, מענטשן קיין מען אויספאפן. מען קען אויסקוקן ווי א חסידי'שער אינגערמאן, א חשוב'ער איד, אבער דער אמת ווייסט נאר דער אייבערשטער, אז מען איז דורך געפוילט מיט שמוץ. זע ווי נאר דער רבי רעדט צו דיר; ער האט א שפראך צו אלעמען, ער ווייזט פאר יעדן איינעם א וועג ווי אזוי צוריק צו קומען צום אייבערשטן - דורך לערנען די הייליגע תורה.

זאלסט נישט מיינען אז דער יצר הרע וועט דיר אזוי שנעל אפלאזן; ער איז נישט מסכים צו פארלירן א קאסטומער אזוי שנעל. דערפאר וועט ער דיר מחליש דעת זיין, ער וועט זיך פארשטעלן אין כל מיני מענטשן אבי דו זאלסט אפלאזן דעם רבי'ן.
~~~~~~~~~~

ווער נישט נתפעל פון דיינע כלומר'ישע חברים, בפרט פון דער וואס זוכט אזוי אויפצוטון לשם שמים, עס גייט אים אין לעבן אז דו 'זאגסט' משניות, ער קען נישט צו קוקן ווי דו 'זאגסט' גמרא, ער ברענגט דיר ראיות פון שלחן ערוך הרב הלכות תלמוד תורה אז מען איז נישט יוצא ביי תורה שבעל פה אויב מען זאגט, זאל ער דיר ווייזן וואס ער ברענגט דארט ווייטער (שלחן ערוך הרב הלכות תלמוד תורה סימן ב, סעיף י): "לִלְמוֹד פַּעַם אַחַת כְּסֵדֶר כָּל הַתַּלְמוּד בַּבְלִי וִירוּשַׁלְמִי וּמְכִילְתָּא וְסִיפְרָא וְסִפְרֵי וְתוֹסֶפְתּוֹת וְכָל הַמִּדְרָשִׁים מִתַּנָּאִים וְאָמוֹרָאִים שֶׁכָּל דִּבְרֵיהֶם הִיא תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה שֶׁנִּתְּנָה לְמֹשֶׁה מִסִּינַי כְּמוֹ רַבּוֹת וְתַנְחוּמָא וּפְסִיקְתּוֹת וְכַיּוֹצֵא בָּהֶן וּמִדְרָשֵׁי רַשְׁבִּ"י עַל כֻּלָּן כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לִגְמוֹר כָּל הַתּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה כֻּלָּהּ פַּעַם אַחַת בְּחַיָּיו, לְקַיֵּם מִצְוַת שָׁמוֹר תִּשְׁמְרוּן אֶת כָּל הַמִּצְוָה וְגוֹ' כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר לְמַעְלָה, וְאַף שֶׁיִּשְׁכַּח הַכֹּל הֲרֵי לֶעָתִיד לָבֹא יַזְכִּירוּהוּ כָּל לִמּוּדוֹ שֶׁשָּׁכַח", און נאכדעם (סעיף יג): "יֵשׁ לְאָדָם לַעֲסֹק בְּכָל הַתּוֹרָה גַּם בִּדְבָרִים שֶׁלֹּא יוּכַל לְהָבִין, וּלְעָתִיד לָבֹא יִזְכֶּה לְהָבִין וּלְהַשִּׂיג כָּל הַתּוֹרָה שֶׁעָסַק בָּהּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וְלֹא הִשִּׂיגָהּ מִקֹּצֶר דַּעְתּוֹ", א מענטש זאל כאטשיג איין מאל אין לעבן דורך זאגן די גאנצע תורה אפילו ער פארשטייט נישט, אזוי וועט ער זוכה זיין צו פארשטיין אויבן אין הימל ווען דער אייבערשטער וועט לערנען מיט זיין נשמה.

עס איז נישט דא קיין צייט צו ענטפערן פאר לצים; געדענק וואס שלמה המלך זאגט (משלי ט, יב): "אִם חָכַמְתָּ - חָכַמְתָּ לָּךְ", אויב ביסטו קלוג - ביסטו קלוג פאר דיר, "וְלַצְתָּ - לְבַדְּךָ תִשָּׂא", און אויב מאכסטו ליצנות - מאכסטו פון דיר אליין ליצנות; ווען איינער מאכט ליצנות פונעם רבינ'ס סדר דרך הלימוד, מאכט ער נישט ליצנות פון רבי'ן, ער מאכט ליצנות פון זיך אליינס. ווייל ווען עס וועט קומען דער מלאך מיט די טויזנט אויגן און אים אהיים רופן וועט גארנישט ניצן; ער וועט קענען שרייען און וויינען אבער ער וועט אוועק גיין פון די וועלט נאקעט, ער וועט נישט וויסן וואס צו טון פאר בושה ווען מען וועט אים פרעגן: "עֲרֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ"; "עֲרֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ"; ער וועט בלייבן מיט אן ארויסגעשטעקטן צינג, ווידעראום דער וואס האט יא געפאלגט דעם רבי'ן און געלערנט פלייסיג אויפן סדר דרך הלימוד, ביי אים וועט זיין (משלי לא, כה): "וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן - ער וועט לאכן ביים לעצטן טאג.

מאך דיך נישט וויסנדיג פון די אלע וואס לאכן און שפעטן אפ פון דיין לערנען; די וועלט זאגט: "לאכן, לאכט דער וואס לאכט צום לעצט"; ווער לאכט באמת? דער וואס לאכט ביים סוף. ווען איינער מאכט אוועק דעם רבינ'ס סדר דרך הלימוד, ער לאכט אפ דערפון און מאכט ליצנות: "עס הייסט נישט געלערנט", הגם יעצט קען מען נאך נישט לאכן אבער ווען עס וועט קומען דעם לעצטן טאג, דעמאלט וועט מען קענען

לאכן, ווייל מען גייט צוריק צום אייבערשטן אנגעפילט מיט תורה - צענדליגער מאל מסיים געווען ששה סדרי משנה; בבלי; ירושלמי; תוספתא; רמב"ם; טור; שלחן ערוך; זוהר; תיקוני זוהר און אלע מדרשים; דעמאלט וועט זיין א גרויס געלעכטער, ביי יענעם וועט נעבעך מקוים ווערן (רות א, כא): "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי, וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", וואס דאס גייט ארויף אויף א מענטש וואס ער האט נישט אויסגענוצט זיינע יארן, וואס דאן קלאגט די נשמה: "אֲנִי מְלֵאָה הָלַכְתִּי", איך בין אראפ געקומען אנגעפילט מיט כל התורה כולה, אבער: "וְרֵיקָם הֱשִׁיבַנִי", איך גיי צוריק ליידיג.

וועגן קומען צו פארן צו מיר אויף שבת וכו', איך מיין אז עס פעלט נישט אויס, מען קען זיין פון דער ווייטנס און זיין מער מקושר ווי די וואס דרייען זיך אונטער די פוס. עס איז נישט דא וואס צו זען דא, מיר האבן דא א קאך וואו מען קאכט גוטע עסן און מען טיילט דאס אויס אין די גאנצע וועלט; די עסן איז אזוי געשמאק און בא'טעמ'ט אז מען קען לעבן פון דעם א גוט לעבן. וועט איינער זאגן: "איך מוז זען די קאך וואו מען קאכט די עסן, איך מוז זען דעם קעכער וואס קאכט די עסן", קען זיין אז ער וועט קומען אין קאך און זען ווי דער קעכער גייט אנגעטון מיט א שמוציגן כאלאט און ווי דער קאך זעט אויס וועט ער נאר האבן קשיות וכו', ענדערש נעם די דיבורים און שכל און לעב מיט דעם.

וואס איז דער חילוק צווישן דעם רבי'ן און אנדערע רבי'ס? דער רבי געבט דיר א וועג דו זאלסט קענען לעבן אפילו ווען דו שטייסט נישט נעבן רבי'ן וד"ל.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**א פרוי קען פועל'ן גאר אסאך מיט איר תפלה. פאררעכטן די ציין.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חיי שרה, כ"ג מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

וואס איר דארפט - זאלט איר בעטן פונעם אייבערשטן אויף אייער אייגענע שפראך; ווען א פרוי וואלט געוויסט וואס זי קען פועל'ן מיט אירע תפילות ביים אייבערשטן, וואלט זי געבעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך נאכאמאל און נאכאמאל ביז זי וואלט געהאלפן געווארן. בפרט בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר זיך אוועק זעצן ביי די ליכט און בעטן דעם אייבערשטן אויף אלעס וואס ליגט אייך אויפן
~~~~~~~~~~

הארץ; פאר אייך, פאר אייער מאן - אז ער זאל זיין ערליך און האבן הצלחה, און פאר קינדער - אז איר זאלט זוכה זיין צו קינדער וואס וועלן ליכטיג מאכן די וועלט.

בנוגע אייער ציין וכו'; אודאי זאלט איר גיין צו אן אנדערן דאקטער און זיך פאררעכטן די ציינער ווייל א אידישע פרוי דארף אכטונג געבן אויסצוקוקן שיין. ווען עס איז א ציין וואס מען זעט נישט איז איין זאך, אבער אז דאס איז פון די פאדערשטע ציינער זאלט איר זען דאס צו פאררעכטן כדי איר זאלט נושא חן זיין ביי אייער מאן נרו יאיר.

...

~~~~~~~~~~

**קוקט נישט אויף צוריק, לעבטס גוט מיט אייער יעצטיגער מאן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חיי שרה, כ"ג מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

**מרת ... תחי'.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

די ערשטע זאך דארפט איר וויסן אז די גאנצע זאך פון שידוכים איז א פארבארגענע זאך און איז פארהוילן פון אלעמען, דאס ליגט נאר אין דעם אייבערשטנ'ס הענט. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בראשית רבה סח, ג) מיר געפונען סיי אין די תורה און נביאים און אין כתובים אז א שידוך האט נאר מיטן אייבערשטן, אין די תורה שטייט (בראשית כד, נ): לבן און בתואל האבן געזאגט פאר אליעזר ווען ער האט געוואלט נעמען רבקה פאר יצחק אבינו, "מֵה' יָצָא הַדָּבָר", מיר זענען מודה אז דער שידוך איז פונעם אייבערשטן, אין נביאים שטייט (שופטים יד, ד): שמשון הגיבור האט גענומען א פרוי זיינע עלטערן האבן נישט געוואלט זאגט די תורה "וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵה' הִיא", זיינע עלטערן האבן נישט געוויסט אז דער שידוך קומט פונעם אייבערשטן, און אין כתובים שטייט (משלי יט, יד): שלמה המלך זאגט א הויז און א פארמעגן קען מען באקומען בירושה פון עלטערן אבער "וּמֵה' אִשָּׁה מַשְׂכָּלֶת", א שידוך קומט פונעם אייבערשטן, זעען מיר איבערהויפט אז א שידוך האט נאר מיטן באשעפער.

דערפאר אז איר זענט אריבער געגאנגען די גאנצע פרשה מיט אייער פריערדיגן מאן וכו' און יעצט האט דער אייבערשטער אייך געהאלפן אז איר האט נאכאמאל חתונה געהאט, דארפט איר אנהייבן א נייעם בלעטל אין לעבן און פארגעסן פון אייער פריערדיגער מאן וכו'. איר זאלט פרובירן מיט אלע אייערע כוחות אויפצובויען א נייעם שטוב פארן אייבערשטן; עס איז טאקע זייער שווער צו פארגעסן די פריערדיגע לעבן,
~~~~~~~~~~

דאס איז נישט נאר ביי אייך אז איר בענקט זיך וכו׳, נאר אזוי גייט דאס ביי אלע וואס האבן נאכאמאל חתונה, אזוי ווי עס זאגט דער הייליגער תנא רבי עקיבא (פסחים קיב.): ווען א מאן און ווייב האבן חתונה א צווייטע מאל טראכטן זיי צוריק פון זייער פריערדיגע לעבן; מיט דעם אלעמען דארפט איר זיך שטארקן און אנהייבן פונדאסניי אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט, אלץ אנהייבן פונדאסניי.

דאס אז איר שפירט אז ער געבט נישט גענוג ליבשאפט וכו׳, זאלט איר וויסן אז דער לעבן איז ווי א שפיגעלע; שלמה המלך זאגט (משלי כז, יט): ״כַּמַּיִם הַפָּנִים לַפָּנִים, כֵּן לֵב הָאָדָם לָאָדָם״, אזוי ווי ווען מען קוקט אין וואסער שפיגלט מען זיך דערין - ווען מען שמייכלט זעט מען א שמייכל און ווען מען איז זויער זעט מען א זויערע בילד, אזוי אויך איז די לעבן; אויב מען שמייכלט צו א ׳שפיגל׳ זעט מען ווי איינער שמייכלט צוריק, און אויב מען ווייזט א זויערע פנים צום ׳שפיגל׳ זעט מען צוריק א זויערע פנים.

שטארקט אייך מיט אמונה פשוטה אינעם בורא כל עולמים; דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן פאר אלעס גוטס וואס ער טוט מיט אייך, וועט ער אייך געבן גוטס בכפלי כפלים.

...

~~~~~~~~~~

**ווען דער טאטע שלעפט דאס קינד צו שלעכטס.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ה׳ פרשת חיי שרה, כ״ג מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**מרת ... תחי׳.**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

עס איז זייער שרעקעדיג צו ליינען וואס איר שרייבט, אז אייער קינד בעט פון אייך איר זאלט אים אנכאפן וכו׳ וואו זיין טאטע כאפט אים אן השם ישמרינו; מען דארף טראכטן מיט ישוב הדעת וואס מען טוט דא ווייטער.

איך וואלט אייך גערעדט אז אויב אייער קינד זאגט אייך נאכאמאל איר זאלט אים אנכאפן וכו׳ אדער ווען איר באדט אים, זאלט איר אים שיין און איידל זאגן די ווערטער: ״דא טאר מען נישט לייגן די הענט, עס איז א גרויסע עבירה״, דעמאלט וועט ארויפשווימען דער אמת וואס דער טאטע טוט מיט אים; אויב ער הייבט אן רעדן און פארציילן דארף מען זייער אכטונג געבן נישט צו ווערן היסטעריש נאר אויסהערן יעדע איינציגע ווארט און דעטאל, אויב שטעלט זיך טאקע ארויס אז ער איז א קראנקער
~~~~~~~~~~

מענטש דארף מען דאס איינגעבן און פארלאנגען אז ער זאל נישט קענען זיין אליינס מיט די קינדער.

איר זאלט ווייטער מחנך זיין די קינדער זיי זאלן זיך עקלען פון א הונט; מוהרא"ש זאגט אז מען זעט ווי אידישע קינדער האבן בטבע מורא און עקלען זיך פון א הונט. ווען איר רעדט צו די קינדער זאלט איר אים נישט אוועק מאכן נאר זיי מחנך זיין אז א הונט ברענגט טומאה, און דער רבי זאגט (ספר המידות, אות המתקת דין, סימן צב): "מִי שֶׁמְּגַדֵּל כֶּלֶב מְעוֹרֵר דִּין", ווער עס ציט אויף א הונט אין שטוב ברענגט אויף זיך דינים; ערליכע אידן האבן נישט צו טון מיט קיין הונט, עס ברענגט טומאה אין שטוב, בפרט פאר דעם וואס כאפט עס אן.

נאכאמאל, ווען מען רעדט צו קליינע קינדער פון קדושה דארף מען דאס זאגן זייער רואיג און זיכער, נישט דערשראקן און קעקעצדיג כדי מען זאל נישט ערגער מאכן.

עס איז זייער שווער פאר א מאמע אליינס צו מגדל זיין די קינדער, בפרט ווען זייער טאטע זוכט צו שלעפן די קינדער אויף די נישט גוטע ריכטונג; דאך זאלט איר ווייטער אנגיין און נישט אפלאזן אייערע קינדער פון זיי געבן אן ערליכע אידישע חינוך, אז מען מיינט עס ערנסט העלפט דער אייבערשטער שלא כדרך הטבע.

דער אייבערשטער זאל העלפן איר זאלט טרעפן בקרוב א גוטע שידוך און קענען מחנך זיין אייערע קינדער אלץ ערליכע אידן.

...

~~~~~~~~~~

**דאנקען דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס מען האט אין לעבן; די געוואלדיגע תועלת פון לערנען אינדערהיים; זיך מחזק זיין אין די מצוה פון עסן דריי סעודות אום שבת.**

בעזהשי"ת - עש"ק פ' חיי שרה - מברכים החודש, כ"ד מר-חשון שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דו האסט חתונה געהאט און דו האסט א ווייב מיט ליכטיגע קינדער, ערליכע אידן דאנקען יעדן טאג דעם אייבערשטן אויף זייער ווייב. ביי ערליכע אידן איז יעדע זאך וואס מען האט אין לעבן א מתנה פונעם אייבערשטן; מען האט געטראפן א שידוך - איז דאס א מתנת חינם פונעם אייבערשטן, מען האט חתונה געהאט - איז דאס ווייטער א מתנה פונעם אייבערשטן, מען האט
~~~~~~~~~~

קינדער - איז דאס גאר א גרויסע מתנה פונעם אייבערשטן; אויף יעדע זאך דאנקט מען און מען לויבט דעם אייבערשטן.

דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז דו האסט א וואוילע ווייב וואס וויל אויפשטעלן מיט דיר אן ערליכער שטוב, זי וויל אז די קינדער זאלן אויפוואקסן מיט יראת שמים. די וועג צו דעם איז אז די קינדער זאלן זען זייער טאטע מאמע לעבן מיט יראת שמים, דערפאר זע צו לערנען אין שטוב יעדן טאג; מאך זיך א קביעות צו לערנען אין שטוב ביינאכט אביסל תורה, דאס וועט אויפלייכטן די גאנצע שטוב.

אז מען לערנט אויפן "**סדר דרך הלימוד**" איז נישט דא קיין תירוצים נישט צו לערנען; מען דארף נישט קיין חברותא, מען זיצט אין שטוב און מען לערנט אויפן קול. אין אזא שטוב ווערן די ווענט אנגעזאפט מיט די זיסע גמרא ניגון, די ווענט שרייען ארויס: 'דא וואוינט אן ערליכער איד', אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תענית יא.): "בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם וְקוֹרוֹת בֵּיתוֹ שֶׁל אָדָם מְעִידִים בּוֹ", די ווענט פונעם שטוב זאגן עדות וואס עס טוט זיך אין שטוב; די דאך שרייט ארויס וואס דא טוט זיך, אזוי ווי עס שטייט (חבקוק ב, יא): "כִּי אֶבֶן מִקִּיר תִּזְעָק, וְכָפִיס מֵעֵץ יַעֲנֶנָּה".

אזוי וואקסן די קינדער אויף מיט א טאטע וואס לערנט, דער מאן ווערט חשוב און בא'חנ'ט אין זיין ווייבס אויגן און אלעס טוישט זיך צום גוטן. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (עירובין נד:): "שֶׁמַּעֲלַת חֵן עַל לוֹמְדֶיהָ", די תורה איז מסוגל אויף חן, אזוי ווי עס שטייט (משלי ה, יט): "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן"; און אז עס איז דא חן ווערט אלעס מסודר, מען לעבט צוזאמען מיט ליבשאפט און אחדות.

נעם זיך פאר צו עסן דריי סעודות שבת און זוך נישט קיין היתרים פון יוצא זיין די סעודה אן זיך וואשן, דורכדעם וועסטו זוכה זיין צו אמונה אינעם אייבערשטן. דער רבי האט אמאל געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן לב) "דער אייבערשטער זאגט: 'קינדערלעך עסט', און מען עסט נישט"; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (שבת קיח.): אז מען עסט שבת די דריי סעודות ווערט מען געראטעוועט פון דריי שלעכטע זאכן: גיהנום, חבלי משיח, און די מלחמה פון גוג ומגוג.

א פרייליכן שבת.

איך שיק דיר א בריוו פאר דיין ווייב תחי'.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**"באשפער העלף דעם רבינ'ס פייער זאל טליען אין מיין הארץ און אין מיינע קינדערס הערצער עד סוף כל הדורות".**

בעזהשי"ת - עש"ק פ' חיי שרה - מברכים החודש, כ"ד מר-חשון שנת תשע"ט לפ"ק

**מרת ... תחי'.**

איך האף אז איר האט הנאה געהאט פון די שיעור מיטוואך נאכט און איר זענט זיך מחזק מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

בשעת איר צינדט אן די שבת ליכט זאלט איר בעטן פאר אייך, אייער מאן און קינדער; דעמאלט איז א גרויסע עת רצון אין הימל צו פועל'ן ישועות. אויך ווען אייער מאן נרו יאיר גייט אין שול זאלט איר ווייטער זיצן ביי די ליכט און רעדן צום אייבערשטן בעטנדיג דערביי פאר אייך און אייער מאן אז איר זאלט צוזאמען אויפבויען א שיינע שטוב, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות.

מיינט נישט אז אייער תפילות זענען נישט ווערד ביים אייבערשטן, נאר ביים אייבערשטן איז חשוב יעדן תפילה פון יעדן איינעם; יעדעס ווארט וואס א איד בעט פונעם אייבערשטן גייט ארויף זייער הויך און דער אייבערשטער נעמט דאס אן, נאר אסאך מאל דארף מען אויסווארטן די ישועה.

אסאך מאל בשעת מען צינדט די ליכט איז אנגעצויגן אין שטוב און מען קען נישט בעטן מיט ישוב הדעת, דאך זאלט איר ארויס זאגן אפאר ווערטער צום אייבערשטן אפילו אן ישוב הדעת; ווען איר לייגט די הענט אויפן פנים זאלט איר בעטן: **"אייבערשטער העלף מיר און מיין טייערע מאן מיר זאלן לעבן מיט ליבשאפט; טאטע האב רחמנות אויף מיינע קינדער זיי זאלן זיין אפגעהיטן פון שלעכטס"**; אמאל וויל מען אסאך און מען טוט גארנישט, דארף מען געדענקען אז אביסל איז אויך גוט.

ווארטס אויס עס זאל ווערן רואיג אין שטוב און דעמאלט זאלט זיצן ביי די ליכט און בעטן דעם אייבערשטן אלע אייערע תפילות; לייגטס אייערע הענט אויף די אויגן נאכאמאל נאכדעם ווען אייער מאן נרו יאיר גייט אין שול. זיצט ביי די הייליכע ליכט און בעטס דעם אייבערשטן פאר אייך און אייער מאן אז איר זאלט שטענדיג האבן א געפיל צום הייליגן רבי'ן.

א חתן האט מיר נעכטן געפרעגט אויף וואס ער זאל דער עיקר בעטן, וואס איז דער עיקר אין לעבן; האב איך אים געזאגט: "דער עיקר זאלסטו בעטן אז די פייער פון רבי'ן זאל ברענען ביי דיר אין הארץ דיין גאנץ לעבן". דער הייליגער רבי האט געזאגט

(חיי מוהר"ן, סימן רכט): "הָאֵשׁ שֶׁלִּי תּוּקַד עַד בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ", מיין פייער'ל וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען; בעט דעם אייבערשטן: "הייליגער באשעפער, העלף מיר אז דעם רבינ'ס פייער זאל אייביג טליען אין מיין הארץ און עס זאל טליען און ברענען אין מיינע קינדער'ס הערצער". ווייל ווילאנג א מענטש איז מחובר צום צדיק האט ער אלעס, אבער אז מען לאזט אפ דעם צדיק האט מען גארנישט.

דאס זעלבע זאלט איר בעטן ביי די ליכט: "הייליגער באשעפער, העלף מיר אז דעם רבינ'ס פייער זאל אייביג טליען אין מיין הארץ און עס זאל טליען און ברענען אין מיינע קינדער'ס הערצער; עס זאל ברענען אין מיין מאנ'ס הארץ, מיין מאן זאל האבן א געפיל אין הייליגן רבי'ן און דעם רבינ'ס ווערטער זאל זיין חשוב און טייער ביי מיר און ביי מיינע קינדער".

איר זאלט האבן א פרייליכן שבת.

...

~~~~~~~~~~

**דאנק דעם באשעפער אויף דיינע ציין, וועסטו נישט האבן קיין ציין ווייטאג.**

בעזהשי"ת - עש"ק פ' חיי שרה - מברכים החודש, כ"ד מר-חשון שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד מיין טייערער תלמיד ... נרו יאיר.**

בנוגע דאס וואס דו מוטשעסט זיך - דו און דיין ווייב - מיט די ציינער; מען דערציילט פון א גרויסער צדיק פון פריערדיגן דור אז זייענדיג אינעם עלטער פון נייניג יאר האט ער אמאל געוויזן פאר זיינע תלמידים זיינע ציינער און געזאגט: "איך האב אלע מיינע ציינער און איך בין קיינמאל נישט געוועזן ביים ציין דאקטער; איך בין דאס תולה ווייל איך האב זיך צוגעוואוינט יעדן טאג צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר מיינע ציינער. איך פלעג זאגן: 'איך דאנק דיר אייבערשטער פאר מיינע ציינער, אז איך האב שיינע ציינער, געזונטע ציינער צו עסן און צו רעדן', דעריבער האט מיר דער אייבערשטער געהאלפן אז איך זאל האבן מיינע אייגענע ציינער ביז די נייניג יאר".

דעריבער זאלסטו פון היינט דאנקען דעם אייבערשטן אויף אלע דיינע געזונטע ציינער וואס ער האט דיר געגעבן, וועט דיר דער אייבערשטער העלפן אז דו וועסט פטור ווערן פון דיינע ציין ווייטאג.

האלט מיט דיר שטענדיג ספרים, קונטרסים, סידיס וכו', אז ווען דו טרעפסט א איד זאלסטו האבן ביי דיר סחורה אים מחי' צו זיין.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**מ׳קען נישט טיילן גרויס צדקה, ווען מ׳איז שולדיג געלט פאר מענטשן.**

בעזהשי״ת - עש״ק פ׳ חיי שרה - מברכים החודש, כ״ד מר-חשון שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

האברך ... נרו יאיר האט מיר דערציילט אז דו ביסט אים שולדיג געלט און דו מאכסט חוזק פון אים; יעדן טאג זאגסטו אים אן אנדערע תירוץ זיך ארויסצודרייען פון אים. היתכן דו נעמסט געלט און דו טוסט חסד מיט דעם, ווען דאס איז נישט דיין געלט? די געלט קומסטו פאר מענטשן.

באמת דארף איך מיר נישט ארײן מישן, ווייל וואס האט דאס מיט מיר וכו׳ אבער ער האט מיר געזאגט אז דו בארגסט געלט צו בויען די מוסד וכו׳, טענה׳ט ער אז אז דאס איז זיין געלט און ער פארפירט אז איך דארף זען עס זאל נישט ווייטער אנגיין אזוי.

איך האב דיר שוין כמה פעמים געזאגט: צדקה איז זייער א גרויסע מצוה ווען דאס איז אייגענע געלט אבער נישט ווען עס איז יענעמס געלט; דו פארשטייסט אליינס אז אויב וועט איינער גנב׳נען געלט כדי צו קענען געבן צדקה איז דאס אן עבירה.

אז מען האט חובות איז מען פטור פון מעשר און פון חומש, און הגם צדקה איז מען טאקע מחויב צו געבן, אבער דאס קען מען מקיים זיין מיט א פרוטה יעדן טאג, אבער ווי קען מען געבן צדקה ווען מען קומט פאר מענטשן געלט?!

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל דיר נתרחב ווערן, דו זאלסט האבן שפע צו באצאלן דיינע חובות און קענען טון חסד אן א שיעור.

...

~~~~~~~~~~

**אפילו דו האסט שוין געבעטן, זאלסטו בעטן נאכאמאל.**

בעזהשי״ת - עש״ק פ׳ חיי שרה - מברכים החודש, כ״ד מר-חשון שנת תשע״ט לפ״ק

**לכבוד ... נרו יאיר, תלמיד ״ת״ת היכל הקודש ברסלב״.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וואס דו דארפסט זאלסטו בעטן פונעם אייבערשטן; נישט איין מאל און נישט צוויי מאל, נאר אן א שיעור מאל. און אפילו דו האסט שוין געבעטן זאלסטו בעטן נאכאמאל, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ברכות לב:): "אָמַר רַבִּי חָמָא בְּרַבִּי חֲנִינָא, אִם רָאָה אָדָם שֶׁהִתְפַּלֵּל וְלֹא נֶעֱנָה יַחְזוֹר וְיִתְפַּלֵּל", א מענטש וואס האט געבעטן דעם אייבערשטן אויף א זאך און ער זעט אז ער האט עס נישט באקומען זאל ער נאכאמאל בעטן, אזוי ווי עס שטייט (תהלים כז, יד): "קַוֵּה אֶל ה', חֲזַק וְיַאֲמֵץ לִבֶּךָ, וְקַוֵּה אֶל ה'"; דערפאר זאלסטו אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך וואס דו דארפסט נאר, ובפרט אויף קינדער און אויף ערליכע קינדער.

איך ווארט דו זאלסט מיר שרייבן יעדעס מאל דו מאכסט א סיום אויף א מסכתא און אויף משניות, דורכדעם וועסטו מיר מחי' זיין.

איך וועל אם ירצה ה' קומען צו אייך אין כיתה יעדעס מאל ווען א קינד מאכט א סיום.

...

~~~~~~~~~~~

**איך קען יעדן העלפן, חוץ אן עזות פנים.**

בעזהשי"ת - עש"ק פ' חיי שרה - מברכים החודש, כ"ד מר-חשון שנת תשע"ט לפ"ק

**... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך האף אז דו פירסט זיך מיט דרך ארץ אין שטוב צו דיינע עלטערן און אין שולע צו דיינע טיטשערס. ביים רבי'ן איז געווען א יסוד היסודות דרך ארץ; דער רבי האט געזאגט: "איך קען יעדן העלפן, חוץ אן עזות פנים"; פאר אן עזות פנים איז דא איין עצה - גיהנום, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם".

ווען דו לייגסט צדקה אין פושקע זאלסטו לייגן די געלט מיטביידע הענט און בעטן דעם אייבערשטן פאר הצלחה; דער רבי זאגט (ספר המידות, אות צדקה, סימן כז): "יִתֵּן לִצְדָקָה בִּשְׁתֵּי יָדַיִם, וְיִהְיֶה תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת", מען זאל געבן צדקה מיט ביידע הענט, וועט אנגענומען ווערן די תפילה.

פאלג אלעס וואס דיינע טיטשערס און מנהלת הייסן.

...
~~~~~~~~~~~

~~~~~~~~~~~

**שוין צייט דו זאלסט זיך אפלאזן פון אלקאהאל.**

בעזהשי"ת - עש"ק פ' חיי שרה - מברכים החודש, כ"ד מר-חשון שנת תשע"ט לפ"ק

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן א בריוו פון דיין ווייב.

איך מיין עס איז שוין צייט דו זאלסט זיך אויפוועקן פון שלאף און אפלאזן די אלקאהאל; ווען דו וואלסט געזען ווי אזוי דו זעסט אויס ווען דו ביסט שיכור, ווי דו ביסט שטאט'ס נאר, אלע ווערן פארשעמט פון דיר, דיין ווייב, דיינע קינדער, וואלסטו זיכער אויפגעהערט טרינקען.

עס איז כדאי דו זאלסט מאכן א שיעור אין ספר משלי, וועסטו זען דאס שעדליכקייט פון טרינקען וויין. שלמה המלך זאגט (כ, א): "לֵץ הַיַּיִן", א לץ טרינקט וויין, "הֹמֶה" - ער ברומט און שרייט - "שֵׁכָר", אז ער דארף אלטע וויין; ועוד.

איך בין אמאל געוועזן ביי מוהרא"ש אין שטוב, פונקט דעמאלט האט איינער געקלאפט אויפן טיר מיט זיין זון א בחור וואס איז נעבעך אריין געפאלן אין די תאוה פון טרינקען וויין רחמנא לצלן. מוהרא"ש האט מיר נישט ארויסגעשיקט פון שטוב, האב איך געהערט ווי מוהרא"ש מוסר'ט דעם בחור ער זאל אכטונג געבן נישט צו טרינקען קיין וויין, און מוהרא"ש האט אים געהייסן לערנען יעדן טאג די תורה אין ליקוטי מוהר"ן (חלק ב, סימן כו) וואו דער רבי רעדט איבער די שעדליכקייט פון טרינקען; מוהרא"ש האט אים געזאגט ער זאל יעדן טאג לערנען די תורה און נאכדעם זאגן די תפילה פון רבי נתן אויף דעם תורה.

דאס זעלבע זאלסטו טון, אז דו ביסט נעבעך אזוי צוגעקלעבט צו אלקאהאל, אזוי ווייט אז די אלקאהאל איז דיר וויכטיגער פון דיין לעבן און פון דיין ווייב און קינדער, זאלסטו לערנען יעדן טאג לערנען די תורה אין ליקוטי מוהר"ן (חלק ב', סימן כו), נישט איין מאל א טאג נאר אפאר מאל א טאג ביז עס זאל דיר אריין גיין אין דיביינער דעם רבינ'ס ווערטער, וועסטו זוכה זיין ארויס צו קריכן פון די מחלה.

איך שיק דיר דא די תורה מיט די תפילה פון רבי נתן דערויף:

"צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשִּׁכְרוּת וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת, כִּי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְפִי הַצֹּרֶךְ הוּא טוֹבָה לְהַרְחִיב דַּעְתּוֹ. וְדַע, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים, וּכְשֶׁשּׁוֹתֶה בְּמִדָּה כָּרָאוּי לְפִי עֶרְכּוֹ, אֲזַי נִתְרַחֵב דַּעְתּוֹ וְנִתְרוֹמֵם מֹחוֹ וַאֲזַי נִגְדָּלִין
~~~~~~~~~~~

הַחֲסָדִים בְּיוֹתֵר עַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה. כִּי כְּשֶׁנִּתְרוֹמֵם הַדַּעַת, נִתְרוֹמְמִין וְנִגְדָּלִין הַחֲסָדִים, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל (עֵרוּבִין ס"ה): "כָּל הַמִּתְפַּתֶּה בְּיֵינוֹ, יֵשׁ בּוֹ מִדַּעַת קוֹנוֹ", מִתְפַּתֶּה דַּיְקָא, בְּחִינַת חֲסָדִים שֶׁעַל יְדֵי הַיַּיִן נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים וְזֶהוּ מִתְפַּתֶּה שֶׁעַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים הוּא מִתְפַּתֶּה וּמִתְפַּיֵּס אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הָיָה רָאוּי לְהִתְפַּתּוֹת לְפִי חֲסָדִים סְתָם וְהָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת רֹגֶז, אֲבָל עַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים עַל יְדֵי הַיַּיִן הוּא מִתְפַּתֶּה כַּנַּ"ל, אֲבָל הַשּׁוֹתֶה יוֹתֵר מִדַּאי וּמִשְׁתַּכֵּר אֲזַי אַדְּרַבָּא, מִתְגַּבְּרִין תֹּקֶף הַגְּבוּרוֹת, וְנַעֲשֶׂה כַּעַס וָרֹגֶז וְלִפְעָמִים מִתְגַּבְּרִין גְּבוּרוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא וְיוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ' חַס וְשָׁלוֹם, וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת וְהָאַזְהָרוֹת שֶׁצִּוָּה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, כִּי מֹשֶׁה הוּא מְלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר, וּמַזְכִּיר כָּל אֵיבָר וְאֵיבָר שֶׁיַּעֲשֶׂה הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְאוֹתוֹ אֵיבָר כִּי רְמַ"ח מִצְווֹת כְּנֶגֶד רְמַ"ח אֵיבָרִים מְחֹקֵק (דְּבָרִים לג), שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח, שֶׁמַּזְכִּיר רְמַ"ח מִצְווֹת כַּנַּ"ל, וְעַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ אוֹתָם בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ל"א): "פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק" שֶׁעַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה וְהַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ רְמַ"ח מִצְווֹת שֶׁל מֹשֶׁה כַּנַּ"ל, וְהִתְלַבְּשׁוּת מֹשֶׁה בָּאֵיבָרִים זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הִתְלַבְּשׁוּת הַדַּעַת בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל, כִּי מֹשֶׁה הוּא הַדַּעַת וְהָאֵיבָרִים הֵם רְמַ"ח בְּחִינַת אַבְרָהָם אִישׁ הַחֶסֶד, שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח אֵיבָרִים".

דערנאך זאלסטו זאגן די תפילה פון רבי נתן ווי ער בעט זיך ביים אייבערשטן מיט א תפילה געבויט אויפן רבינ'ס ווערטער (תפלה כג):

"מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ נַזְכִּירָה דֹדֶיךָ מִיַּיִן מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ". רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, רַב חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵיטִיב, רַחֵם עָלַי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וְזַכֵּנִי לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ בֶּאֱמֶת בְּכָל עֵת וְלַעֲבֹד אוֹתְךָ תָּמִיד בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרוֹב כֹּל. וְתִשְׁמֹר אוֹתִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, וְתַצִּילֵנִי בְּכָל עֵת מֵרִבּוּי שְׁתִיַּת הַיַּיִן וּשְׁאָר מַשְׁקִים הַמְשַׁכְּרִים, שֶׁלֹּא אֶשְׁתֶּה לְעוֹלָם יוֹתֵר מֵהַמִּדָּה וְלֹא אָבֹא לִידֵי שִׁכְרוּת לְעוֹלָם. כִּי אַתָּה גִּלִּיתָ לָנוּ עֹצֶם רָעַת הַשִּׁכְרוּת הַמַּטְרִיד וּמַעֲבִיר אֶת הָאָדָם מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת חַס וְשָׁלוֹם, כִּי עַל־יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין אֶת כָּל הָאַזְהָרוֹת שֶׁל מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהוּא מְלֻבָּשׁ אֶצְלֵנוּ בְּכָל אֵבֶר וָאֵבֶר אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, וּמַזְכִּיר וּמַזְהִיר אֶת כָּל אֵבֶר וְאֵבֶר לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם אֶת כָּל הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְכָל אֵבֶר וָאֵבֶר, שֶׁהֵם רְמַ"ח אֵיבָרִים כְּנֶגֶד רְמַ"ח מִצְוֹת עֲשֵׂה. וְעַל־יְדֵי הַשִּׁכְרוּת חַס וְשָׁלוֹם, שׁוֹכְחִין כָּל אֵלּוּ הָאַזְהָרוֹת, וְכָל הַדְּרָכִים נַעֲשִׂים לְפָנָיו כְּמִישׁוֹר רַחֲמָנָא לִיצְלַן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, כִּי יִתֵּן בַּכּוֹס עֵינוֹ יִתְהַלֵּךְ בְּמֵישָׁרִים. וְנֶאֱמַר, לְמִי אוֹי לְמִי אֲבוֹי, לְמִי חַכְלִילוּת עֵינָיִם. לַמְאַחֲרִים עַל הַיָּיִן לַבָּאִים לַחְקוֹר מִמְסָךְ. אַחֲרִיתוֹ כְּנָחָשׁ יִשָּׁךְ וּכְצִפְעֹנִי יַפְרִישׁ. עֵינֶיךָ יִרְאוּ זָרוֹת וְלִבְּךָ יְדַבֵּר תַּהְפֻּכוֹת. וְהָיִיתָ כְּשֹׁכֵב בְּלֶב־יָם וּכְשֹׁכֵב בְּרֹאשׁ חִבֵּל.

מָלֵא רַחֲמִים, אַתָּה יָדַעְתָּ כַּמָּה נְפָשׁוֹת נִשְׁקְעוּ בִּיוֵן מְצוּלָה עַל־יְדֵי הַשִּׁכְרוּת רַחֲמָנָא לִיצְלָן, וְנִטְרְדוּ מִשְּׁנֵי עוֹלָמוֹת עַל־יְדֵי־זֶה. הַצִּילֵנִי מָלֵא רַחֲמִים, שָׁמְרֵנִי בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, שֶׁלֹּא אָבֹא לְעוֹלָם לִידֵי שִׁכְרוּת כְּלָל, וַאֲפִלּוּ בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּבִשְׁאָר זְמַנִּים קְדוֹשִׁים, אֲשֶׁר רְצוֹנְךָ שֶׁנְּשַׂמֵּחַ אֶת נַפְשֵׁנוּ עַל־יְדֵי שְׁתִיַּת יַיִן מְעַט. זַכֵּנוּ בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים, שֶׁנִּזְכֶּה לְכַוֵּן אֶת הַמִּדָּה שֶׁלֹּא נִשְׁתֶּה כִּי אִם מְעַט הַמֻּכְרָח כְּפִי רְצוֹנְךָ, כְּדֵי לְרוֹמֵם דַּעְתֵּנוּ וּלְהַרְחִיב שִׂכְלֵנוּ וְלִבֵּנוּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, וְיַיִן יְשַׂמַּח לְבַב אֱנוֹשׁ. בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְהַרְחִיב וּלְהַגְדִּיל הַחֲסָדִים שֶׁדַּעְתֵּנוּ מְלֻבָּשׁ בָּהֶם, שֶׁנִּזְכֶּה עַל־יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב בֶּאֱמֶת, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת עַל־יְדֵי־זֶה, וְלִזְכֹּר עַל־יְדֵי־זֶה יוֹתֵר וְיוֹתֵר אֶת כָּל הָאַזְהָרוֹת בְּכָל אֵבֶר וָאֵבֶר שֶׁמַּזְהִיר אוֹתָנוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וְנִתְעוֹרֵר בְּיוֹתֵר לְקַיֵּם אֶת כָּל הַמִּצְוֹת הַשַּׁיָּכִים לְכָל אֵבֶר וָאֵבֶר. וְתִפְתַּח לִבִּי בְּתוֹרָתֶךָ וְאַחֲרֵי מִצְוֹתֶיךָ תִּרְדֹּף נַפְשִׁי. וְאֶזְכֶּה לְהִתְקָרֵב אֵלֶיךָ יוֹתֵר וְיוֹתֵר עַל־יְדֵי הַשְּׁתִיָּה בִּדְבֵקוּת נִפְלָא וַאֲמִתִּי כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, וְאֶהְיֶה מִתְפַּתֶּה בְּיֵינִי בִּקְדֻשָּׁה גְדוֹלָה לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת, וְיִהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלַי הַרְחָבַת הַדַּעַת וְהַחֲסָדִים מִדַּעַת קוֹנִי, וְאֶזְכֶּה לְכַבֵּד אֶת יְהֹוָה בֶּאֱמֶת מֵהוֹנִי וּמִגְּרוֹנִי.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַתָּה יָדַעְתָּ, כִּי אַף לְפִי גֹּדֶל הַגְּנוּת שֶׁל הַשִּׁכְרוּת בְּלִי שִׁעוּר, אַף־עַל־פִּי־כֵן הֶכְרֵחַ לִפְעָמִים לִשְׁתּוֹת מְעַט בִּשְׁבִיל הַרְחָבַת הַדַּעַת. כַּאֲשֶׁר הוֹדִיעוּנוּ חֲכָמֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים גֹּדֶל גְּנוּת הַשִּׁכְרוּת דְּסִטְרָא אַחֲרָא, וְגֹדֶל מַעֲלַת הַשְּׁתִיָּה בִּקְדֻשָּׁה לִשְׁמֶךָ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זָכָה מְשַׂמְּחוֹ, לֹא זָכָה מְשַׁמְּמוֹ. זָכָה נַעֲשָׂה רֹאשׁ, לֹא זָכָה נַעֲשָׂה רָשׁ. וְגַם אָנוּ מְחֻיָּבִים לְקַדֵּשׁ וּלְהַבְדִּיל עַל הַיַּיִן בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וּלְבָרֵךְ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עַל הַכּוֹס שֶׁל יַיִן, כִּי אֵין אוֹמְרִים שִׁיר אֶלָּא עַל הַיַּיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, הַמְשַׂמֵּחַ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים. עַל־כֵּן רַחֵם עָלֵינוּ לְמַעַן שְׁמֶךָ, וְזַכֵּנִי אוֹתִי וְאֶת כָּל חֶבְרָתֵינוּ וְאֶת כָּל עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל, שֶׁנִּזְכֶּה כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ לֵידַע בְּכָל עֵת לְכַוֵּן הַמִּדָּה, בְּאֹפֶן שֶׁנִּתְרַחֵק מֵהַשִּׁכְרוּת לְגַמְרֵי. וּבְעֵת שֶׁיִּהְיֶה רְצוֹנְךָ לְשַׂמְּחֵנוּ מִיֵּינְךָ הַטּוֹב, תְּזַכֵּנוּ וְתִשְׁמֹר אוֹתָנוּ שֶׁלֹּא נִשְׁתֶּה יוֹתֵר מִדַּאי רַק מְעַט הַמֻּכְרָח, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְשַׂמֵּחַ נַפְשֵׁנוּ וּלְהַרְחִיב דַּעְתֵּנוּ וּלְהַגְדִּיל הַחֲסָדִים, וְלֹא נָבֹא עַל־יְדֵי־זֶה לִידֵי רֹגֶז וְדִינִים וּגְבוּרוֹת חַס וְשָׁלוֹם כְּלָל. רַק אַדְּרַבָּא נִזְכֶּה עַל־יְדֵי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְהִתְפַּשְּׁטוּת בַּחֲסָדִים דִּקְדֻשָּׁה יוֹתֵר וְיוֹתֵר בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב בֶּאֱמֶת כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, בְּאֹפֶן שֶׁנִּזְכֶּה לְהִתְדַּבֵּק בְּךָ בֶּאֱמֶת וְלָגִיל וְלָשִׁיר וְלִשְׂמֹחַ בְּשִׁמְךָ בְּגִילָה וְרַנֵּן, וּלְדַבֵּר דִּבְרֵי־תוֹרָה בְּהַרְחָבַת הַלֵּב וּבְשִׂמְחָה מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְדַבֵּר וּלְגַלּוֹת. וְתָשִׂים מַחְסוֹם לְפִינוּ לְבִלְתִּי לִהְיוֹת 'הוֹלֵךְ רָכִיל מְגַלֶּה סוֹד'. לְבִלְתִּי לְגַלּוֹת אָז חַס וְשָׁלוֹם, מַה שֶּׁאֵין צְרִיכִין לְגַלּוֹת. וְתִפְתַּח אֶת פִּינוּ בְּשִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ כִּרְצוֹנְךָ הַטּוֹב, וִיקֻיַּם בָּנוּ מִקְרָא שֶׁכָּתוּב, וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים דּוֹבֵב שִׂפְתֵי יְשֵׁנִים. עָזְרֵנִי לִהְיוֹת כִּרְצוֹנְךָ

הַטּוֹב בְּכָל הַתְּנוּעוֹת, בַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר הֶכְרֵחִיּוּת, הַכֹּל אֶזְכֶּה לַעֲשׂוֹת עַל צַד הַיּוֹתֵר טוֹב בֶּאֱמֶת כְּפִי רְצוֹנְךָ הַטּוֹב בֶּאֱמֶת בְּאוֹתוֹ הָעֵת וְהַזְּמַן, וְלֹא אָסוּר מֵרְצוֹנְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה".

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן שכל נישט צוצורירן מער צו אלקאהאל.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## וואס טו איך מיט מיינע קינדער וואס האלטן נישט ביים איינזיצן ביים שבת טיש?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב אנגעהויבן הערן אייערע שיעורים דעם פארגאנגענעם זומער, און דאס האט מיר זייער געטוישט צום גוטן אין אלע הינזיכטן, ווי אויך האב איך אנגעהויבן לערנען תורה יעדן טאג, איך בין מעביר סדרה, און איך זאג יעדן טאג דריי פרקים משניות, איך שפיר זיך ממש ווי א נייער מענטש.

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אז מ'זאל דערציילן מעשיות פאר די קינדער ביים שבת טיש, איך פרוביר די לעצטע פאר וואכן צו דערציילן מעשיות ביים טיש, אבער מיינע קינדער הערן מיר בכלל נישט אויס, זיי קריגן זיך ארום די גאנצע סעודה, איז דא עפעס אן עצה אויף דעם?

יישר כח, חיים

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן **לכבוד חיים נרו יאיר.**

מיין נישט אז נאר דיינע קינדער זענען ווילד און שפרינגעדיג וכו׳, ווייל דאס איז די געזונטע נאטור פון קינדער; געזונטע קינדער שפרינגען און קריגן זיך ביים שבת טיש און די ארבעט פון די עלטערן איז צו פראבירן מיט אלע חכמות צו מאכן אז די סעודה זאל זיין אינטערעסאנט.

ווען מען האט עלטערע קינדער און יונגערע קינדער אינדערהיים דארף מען מאכן די סעודה אינטערעסאנט פאר ביידע, מען קען נישט פארלאנגען פון קליינע קינדער צו זיצן ביים טיש במשך די גאנצע סעודה, דעריבער איז גוט אז אנהייב סעודה זאל מען מער רעדן צו די קליינטשיגע קינדער ווי לאנג זיי האלטן נאך מיט די סעודה, און שפעטער ווען די קליינע קינדער גייען זיך שפילן זאל מען מער פארברענגען מיט די עלטערע; מען גייט איבער די פרשה, מען פרעגט יעדן קינד א שאלה און מען פארברייטערט דעם תירוץ מיט אינטערעסאנטע מדרשים וכו׳.

פארשטייט זיך אז מיט אלע חכמות און עצות דארף מען מאכן אסאך תפילות יעדע וואך פאר דער שבת קומט צו גיין אז מען זאל זוכה זיין צו זיין פריילעך שבת מיט די ווייב און קינדער. ווייל דער יצר הרע ציטערט זייער פונעם שבת, ער ווייסט אז שבת איז

א צייט וואס דער איד קלעבט זיך צו צום אייבערשטן און שבת בויעט דער איד זיין שטוב, זיין ווייב און זיינע קינדער, דערפאר מאכט ער עס זאל זיין מחלוקת און אנגעצויגנקייט, אבי דער שבת זאל זיין צעשטערט. אזוי ווי דער הייליגער חיד"א זאגט אין ספר עבודת הקודש (מורה באצבע סימן ד, אות קמ) אז ערב שבת קומט דער שטן אין יעדע אידישע שטוב און מאכט עס זאל אויסברעכן א מחלוקה צווישן מאן און ווייב; ער האט זייער מורא ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך, בעיקר אום שבת קודש, ווייל ווען מאן און ווייב פארטראגן זיך און לעבן צוזאמען באהבה ושלום דעמאלט האט ער נישט קיין שום שליטה אויף זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות מריבה, סימן סו): "בִּמְקוֹם מְרִיבָה שָׁם הַשָּׂטָן", דארט וואו מען קריגט זיך דארט איז דער שטן; נאך זאגט דער רבי (ספר המידות, אות שלום, סימן יח): "הַבְּרָכָה בָּא עַל יְדֵי שָׁלוֹם"; אויב מען איז בשלום וועט מען האבן ברכות; דערפאר דארף מען זייער אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זיך נישט קריגן און מען זאל זיך נישט בייזערן אויף יעדע קלייניקייט וואס פאסירט, אזוי ארום וועט מען ניצול ווערן פונעם שטן און זוכה זיין צו א פרייליכע שבת.

דער עיקר זאלסטו זען עס זאל הערשן א פרייליכע אטמאספער ביי דיר אין שטוב; אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע פראבלעמען אוועק פאלן. קינדערווארטן א גאנצע וואך פארן הייליגן שבת, שבת איז א צייט וואס מען פארברענגט מיט זיי מיט שמחה און מנוחה.

געדענק אז אלעס ווענדט זיך אין דעם ראש המשפחה; אז דער טאטע איז פרייליך איז אלעס גוט און אז דער טאטע איז נערוועז דעמאלט איז זייער ביטער. דער טאטע דארף נישט מאכן קיין עסק פון יעדע קלייניקייט, נישט יעדע זאך דארף מען זען און נישט יעדע זאך דארף מען הערן; אז דו וועסט זיין פרייליך וועלן אלע וועלן זיצן נעבן דיר און זיך פרייען מיט דיר ביי די סעודה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען איך באקומען די ריכטיגע הדרכה צו מיין חתונה?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א חתן, איך וואוין אין ארץ ישראל, און מיין גאנצע לעבן איז נאר די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א. יעצט ווען איך האלט פאר די חתונה האב איך זייער מורא צוצוגיין צו די חתונה מיט חתן
~~~~~~~~~~~

שיעורים פון א מדריך וואס לערנט נישט אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א לערנט, איז דא עפעס א וועג ווי אזוי איך קען באקומען די ריכטיגע הדרכה פאר מיין חתונה?

א גרויסן יישר כח, בערל

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן **לכבוד החתן בערל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

מוהרא״ש פלעגט שטענדיג דערציילן אז אין ברסלב איז געווען זייער א גרויסער צדיק הרב הקדוש רבי אברהם בן רבי נחמן מטולטשין זכר צדיק לברכה (בעל מחבר ספר ״באור הלקוטים״), ער פאר זיך איז געווען גענצליך מובדל ומופרש פון די וועלט, מיט דעם אלעם ווען מען פלעגט אים בעטן הדרכות בענינים שבינו לבינה וכו׳, פלעגט ער שטענדיג זאגן: ״קִינְדֶערְלֶעךְ, הִיט אַייךְ פוּן כְּרִיתוּת״; דאס הייסט מען זאל זיך אכטונג געבן צו היטן הלכות טהרה, מען זאל חזר׳ן הלכות נדה צו וויסן נישט נכשל צו ווערן אין קיין שום הלכה, אבער נישט צו לייגן קיין שום פרישות, נאר ווען מען מעג - מעג מען אלעס וכו׳ און אין די אומריינע טעג זאל מען היטן אלע הלכות.

דעריבער זאלסטו דורך לערנען הלכות טהרה אן א שיעור מאל. מוהרא״ש פלעגט כסדר מעורר זיין די אינגעלייט זיי זאלן לערנען הלכות טהרה אן א שיעור מאל, היות דער הייליגער צדיק רבי אורי מסטרעליסק זכותו יגן עלינו האט גע׳חזר׳ט הלכות טהרה איבער טויזנט מאל; פלעגט מוהרא״ש זאגן: ״אז דער הייליגער צדיק, וואס איז געווען מובדל ומופרש פון די וועלט, ווי מען האט אים גערופן ׳דער שרף פון סטרעליסק׳ האט איבער גע׳חזר׳ט טויזנט מאל הלכות טהרה, וואס זאלן מיר זאגן?״

הער נישט צו צו די וואס לערנען פרישות און חומרות וכו׳, ווייל חומרות נעמט אוועק דעם מענטש פונעם אייבערשטן; מיר האבן א שלחן ערוך, נעם דיר דעם שלחן ערוך פאר דיין וועג ווייזער און ריר דיך נישט אוועק דערפון - נישט אראפ צו נעמען און נישט צוצולייגן, וועט דיר אייביג גוט זיין.

קוק וואס דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן יב): ״וְעִקַּר הַיַּהֲדוּת הוּא, רַק לֵילֵךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת, וּלְהִסְתַּכֵּל בְּכָל דָּבָר שֶׁעוֹשֶׂה שֶׁיִּהְיֶה שָׁם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ״, דער עיקר פון אידישקייט איז: פאלגן די הייליגע תורה בתמימות ובפשיטות, און פאר מען טוט א זאך זאל מען קוקן צי דאס איז דער רצון פונעם אייבערשטן.

זיי מיר מוחל אז איך האב מקצר געווען בשעת איך וואלט ווען געדארפט מאריך זיין, אבער עס איז זייער שווער צו שרייבן הדרכות פון בינו לבינה מפני הצניעות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זוכה זיין צו בויען א בית נאמן בישראל און אויפשטעלן שיינע ערליכע דורות.

...

~~~~~~~~~~

**אויף וואס דארף מען פארקוקן ביי זיווג שני?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין א פרוי פון ארץ ישראל, א גרושה, איך זוך יעצט א פרישע שידוך אבער ס'גייט נישט אזוי גרינג.

איך הער כסדר פונעם ראש ישיבה שליט"א אז מ'טאר זיך נישט צופיל וועלן ביי א שידוך, מ'טאר נישט אפזאגן שידוכים ווייל ס'פאסט מיר נישט אזוי שטארק, איך ווייס אבער נישט ווי ווייט דאס גייט, דארף איך פארקוקן אפילו אויף רוחניות'דיגע זאכן, אויב ער איז נישט אזוי ערליך, אדער נאר פארקוקן אויף גשמיות'דיגע זאכן, ווי יחוס כבוד און געלט? אויב דער ראש ישיבה שליט"א קען קלארשטעלן אויף וואס דארף מען יא פארקוקן און אויף וואס נישט.

אויך וויל איך וויסן ווי אזוי צוצוגיין צו א שידוך וואס מ'טראגט אן, מוז עס גיין דוקא דורך א שדכן, אדער מעג איך אליין רעדן מיט'ן מדובר, ווייל אלס גרושה איז נישט אייביג גרינג צו גיין דורך א שדכן, איז אויסגעהאלטן אליין צו רעדן מיט דעם וואס מ'טראגט אן, און נישט גיין דורך א שדכן?

דער אייבערשטער זאל אייך געבן כח אנצוגיין מיט אייער הייליגע ארבעט.

א גרויסן יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חיי שרה, כ"א מר-חשון, שנת תשע"ט לפרט קטן

מרת ... תחי'

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ווען עס קומט צו טון א שידוך דארף מען געדענקען וואס חכמינו הקדושים זאגן (יבמות סג.): "נְחוֹת דַּרְגָּא וְנָסִיב אִיתְּתָא", גיי אראפ א מדריגה און האב חתונה; מען דארף חתונה האבן ווייל דער אייבערשטער האט געהייסן און נישט זיין קלויבעריש.

דער הייליגער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה ב): עס איז געווען א מלך וואס האט געבויט פאלאצן ביים ים וכו', דער מלך האט נישט געהאט קיין ווייב - זאגט דער
~~~~~~~~~~

רבי - ווייל ער האט זיך נישט געקענט אויסקלויבן; די וואס ער האט געוואלט האט אים נישט געוואלט און אזוי אויך פארקערט, די וואס האבן אים געוואלט האט ער נישט געוואלט, דא איז דער רבי מרמז אז מען דארף זיך אכטונג געבן נישט צו זיין קלויבעריש, נאר אראפ גיין א שטאפל און חתונה האבן.

דער עיקר דארף מען קוקן אויף ערליכקייט; דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק ב', סימן ז'): א מענטש וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטן איז ערגער פון א חי', ווייל אז א מענטש לעבט נישט מיט יראת שמים איז ער מסוגל צו הרג'נען א צווייטן, אזוי ווי אברהם אבינו האט געזאגט פאר אבימלך (בראשית כ, יא): "כִּי אָמַרְתִּי רַק אֵין יִרְאַת אֱלֹקִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה וַהֲרָגוּנִי"; ווייל א מענטש אן יראת שמים איז נישט קיין מענטש.

יעקב אבינו האט נישט געוואלט געבן זיין טאכטער דינה פאר עשיו הרשע און דערפאר האט ער באקומען אן עונש. זאגט מוהרא"ש, יעקב אבינו איז ענדערש גרייט געווען צו באקומען אן עונש ווי איידער געבן זיין טאכטער פאר עשיו הרשע; ווייל די הייליגע חכמים זאגן אונז (פסחים מט:): "כָּל הַמַּשִּׂיא בִּתּוֹ לְעַם הָאָרֶץ כְּאִילּוּ כּוֹפְתָהּ וּמַנִּיחָהּ לִפְנֵי אֲרִי", אויב איינער מאכט חתונה זיין טאכטער צו אן עם הארץ איז כאילו ער בינדט זיין טאכטער און לייגט איר פאר א לייב; ווייל איינער וואס לעבט נישט מיטן אייבערשטער איז מסוגל צו שלאגן און הרג'נען די ווייב.

בנוגע צי איר זאלט גיין דורך א שדכן אדער אליינס רעדן וכו'; ווי אזוי עס קומט אייך אויס גרינגער זאלט איר טון. דער עיקר זאלט איר זייער אכטונג געבן פון דער פיינט וואס רופט זיך: "צייט", אזוי ווי דער מאמר החכם לויטעט: "הִזָּהֵר מִן הַזְּמַן כִּי הוּא אוֹיֵב רָע מְאֹד"; אז מען וויל נישט אוועק לייגן די גאוה, נאר מען קלויבט זיך און מען קלויבט זיך, איז ביז מען כאפט זיך איז מען שוין פארעלטערט וכו'.

דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט בקרוב טרעפן א שידוך און מיר מבשר זיין א גוטע בשורה.

...

~~~~~~~~~~

### וואס איז שלעכט מיט א גראמער ביים קבלת פנים?

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך האב געוואלט פרעגן איבער דעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א מאכט אוועק דאס נעמען א גראמער ביים קבלת פנים אז ער זאל מעורר זיין דעם חתן צו וויינען, איך פארשטיי נישט פארוואס דאס איז
~~~~~~~~~~

אזוי שלעכט, דער חתן ביום חופתו דארף דאך טאקע וויינען און זיך אויסבעטן פאר זיין נייעם לעבן אין וואס ער גייט יעצט אריין, וואס איז אזוי שלעכט אז מ'נעמט א גראמער אים מעורר צו זיין צו וויינען און זיך אויסבעטן?

יישר כח, מענדל

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן לכבוד החתן מענדל נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

וויסן זאלסטו אז א חתן ביום חופתו האט זייער א גרויסע כח צו פועל׳ן ישועות אין הימל - סיי פאר זיך, פאר זיינע קומענדיגע דורות און פאר אנדערע אידן.

עס איז באקאנט די סיפור אז דעם רבינ׳ס טאכטער איז געקומען צום רבי׳ן זיך באקלאגן אז איר דינסט האט איר איבער געלאזט און זי דארף א דינסט צו העלפן אין שטוב, האט איר דער רבי געפרעגט: ״האסט געבעטן דעם אייבערשטן פאר א דינסט ווען דו ביסט געשטאנען אונטער די חופה?״ זעט מען וואסערע כח חתן כלה האבן ביום חופתם; מען קען אין דעם טאג אלעס פועל׳ן.

דאס וואס דו פרעגסט פארוואס מען מאכט אוועק דעם מנהג צו נעמען א בדחן וואס זאל מאכן וויינען דעם חתן ביים קבלת פנים וכו׳; איך זאג נאר וואס איך האב מקבל געווען פון מיין רבי מוהרא״ש. מוהרא״ש פלעגט שטענדיג זאגן פאר חתנים, אז עס איז א רחמנות אויף א חתן וואס מען דארף אים מאכן וויינען וכו׳; וויינען דארף מען דורכאויס דעם טאג בין תנור לכיריים, א קלוגע חתן ווארט נישט מען זאל אים מאכן וויינען ווען ער קומט צו די חתונה בשעת׳ן קבלת פנים, דעמאלט דארף דער חתן מקבל פנים זיין אלע וואס קומען אים ווינטשן מזל טוב, אננעמען זייערע ברכות און יעדן איינעם צוריק ווינטשן. א קלוגע חתן ניצט אויס דעם יום החופה ווי עס דארף צו זיין.

דער מנהג איז אז חתן כלה זאגן אויס תהילים ביום חופתם, דעמאלט איז מען זיך מתבודד, מען פארציילט פארן אייבערשטן אלעס וואס מען איז אריבער, מען איז זיך מודה ומתוודה, מען זאגט וידוי פון יום כיפור - אלע על חטא׳ס וכו׳ און מען טוט תשובה מיט א פרישע קבלה אויף ווייטער.

מוהרא״ש ברענגט דעם מנהג פון נעמען א בדחן ביים קבלת פנים (עיין בקונטרס יום הנישואין, אות י׳): ״וְעַל כֵּן הַמִּנְהָג שֶׁאֶחָד אוֹמֵר דִּבְרֵי כְּבוּשִׁין בְּדֶרֶךְ חֲרוּזִים בְּנִגּוּן הַמְּעוֹרֵר אֶת הֶחָתָן, וְלִמְשֹׁךְ אֶת לְבָבוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ״, דער מנהג איז צו נעמען א בדחן זאל מעורר זיין

דעם חתן, אבער מוהרא"ש פירט אויס: "וְאַשְׁרֵי מִי שֶׁמִּתְעוֹרֵר בְּעַצְמוֹ, וְאֵינוֹ צָרִיךְ שֶׁיְּעוֹרְרוּ אוֹתוֹ", וואויל איז דער וואס נוצט אויס די צייט ווי עס דארף צו זיין און דארף נישט צוקומען אז איינער זאל אים מאכן וויינען וכו', עיין שם.

דער עיקר דארף א חתן כלה וויסן אז בשעת זיי גייען צו די חופה איז מען זיי מוחל אלע עבירות. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (מדרש שמואל יז, א; הובא ברש"י בראשית לו, ג): "שְׁלֹשָׁה מוֹחֲלִים לָהֶן עֲוֹנוֹתֵיהֶן ... וְהַנּוֹשֵׂא אִשָּׁה", פאר די דריי מענטשן איז מען מוחל אלע זייערע עבירות, איינע פון זיי - א חתן וואס האט חתונה; מען הייבט אן א פרישע בלעטעל אין לעבן.

דער הייליגער רבי האט אמאל נאכגעזאגט פאר א חתן דאס וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (כתובות יז.): "כֵּיצַד מְרַקְּדִין לִפְנֵי הַכַּלָּה", דער רבי האט אים דאס מסביר געווען: "כֵּיצַד 'מְרַקְּדִין וּמְדַלְּגִין' עַל מַה שֶּׁהָיָה לִפְנֵי הַכַּלָּה, הַיְנוּ לִפְנֵי הַחֲתֻנָּה", מרקדים איז טייטש טאנצן און שפרינגען; מען דארף איבערשפרינגען וואס איז געווען פאר די חתונה; דאס הייסט, אז א חתן דארף פארגעסן זיין גאנצע עבר און אנהייבן פונדאסניי (חיי מוהר"ן, סימן תקפו).

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זוכה זיין צו בויען א בית נאמן בישראל און צו דורות ישרים ומבורכים, אמן.

...

~~~~~~~~~~

### מעג איך גיין אין מקוה, אויב האב איך 'מורסע'?

## שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

קודם וויל איך זיך באדאנקען פאר די אלע שיינע שיעורים און חיזוק ווערטער און דרשות, דער אייבישטער זאל אייך געבן די כח ווייטער צו אנגיין געזונטערהייט.

איך האב אסאך געהערט פון אייך איבער די גרויסקייט פון גיין אין מקוה יעדן טאג, אז דאס איז א גרויסע תיקון פאר די נשמה, און איך פלעג טאקע זייער מקפיד צו גיין אין מקוה יעדן טאג.

די לעצטע פאר חדשים האב איך זיך באקומען די מורסע אינפעקשאן, און לויט מיין דאקטער איז מקוה די ערגסטע זאך פאר דעם, און אויך זאגט ער אז אנדערע קענען עס איבערכאפען אויב איך גיי. וויל איך פרעגן אויב איז דא עפעס וואס קען ערזעצן א מקוה, אדער זאל איך זיך בכלל נישט וויסענדיג מאכן אויף וואס דער דאקטער זאגט און זיך פארלאזן אויפ'ן בעל שם טוב הקדוש וואס זאגט אז איין טבילה וועט קיינמאל נישט שאטן?
~~~~~~~~~~

א גרויסן יישר כח

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חיי שרה, כ״א מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

חס ושלום צו גיין אין מקוה ווען מען האט מורסע; מען קען גורם זיין אז אלע וואס טובל׳ן זיך זאלן באקומען די מחלה לא עלינו.

אמת טאקע אז דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק ב׳, סימן קכג): ״מִקְוָה אֵינָהּ מַזֶּקֶת כְּלָל, וְהַדָּאקְטֶער שֶׁיּאמַר לוֹ שֶׁמִּקְוָה מַזֶּקֶת, אֵינוֹ דָאקְטֶער כְּלָל״, מקוה שאדט נישט פארן מענטש, און אז א דאקטער זאגט אז מקוה שאדט איז דער דאקטער נישט קיין דאקטער, אדרבה, מקוה איז זייער געזונט און וויכטיג פארן געזונט פונעם מענטש, ווייל דער מענטש האט פול מיט קליינע לעכערלעך אין זיין גוף וואס פון דארט קומט ארויס די שווייס פונעם מענטש, די לעכערלעך דארפן זיין אפן און דורך די מקוה ווערט דאס געעפנט, אזוי ווערט דער מענטש געזונט; אבער אז דער מענטש האט א מחלה וואס אויב ער וועט גיין אין מקוה וועט זיך אריין כאפן די מחלה אין די וואסער דעמאלט טאר מען נישט גיין אין מקוה.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן א רפואה שלימה; ביז דערווייל זאלסטו יוצא זיין מיט תשעה קבין. ווען א מענטש איז אונטערוועגנס וואו ער האט נישט קיין מקוה, אדער ער איז נישט געזונט לא עלינו וכו׳, דעמאלט קען ער נעמען א שויער און לאזן רינען די וואסער פאר בערך פינף מינוט, מיט דעם זיך מטהר זיין. פארשטייט זיך אז דאס איז נאר פאר א מאן און אויך נאר בשעת הדחק.

...

~~~~~~~~~~~

**ווי אזוי קען מען זיך ארויסדרייען פון עבירות איינמאל פאר אלעמאל?**

**שאלה:**

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

איך בין יעצט א אינגערמאן אין כולל, שוין פון אלס יונג בחור האב איך אלעמאל געהאט נסיונות אין שמירת עינים, וויפיל איך האב פרובירט זיך צו שטארקן און זיך מתגבר זיין האט עס נישט אנגעהאלטן פאר צו לאנג.
~~~~~~~~~~~

יעצט שטיי איך שוין היבש אפאר יאר נאך די חתונה, און איך קען זיך נאכאלץ נישט ארויסדרייען, איך בין שוין ליידער דורכגעפאלן מיט די הארבסטע. יעדעס מאל ס'געשעט זאג איך צו פאר'ן אייבערשטן אז איך גיי עס נישט טון נאכאמאל, אבער ס'האלט נישט אן פאר צו לאנג.

קיינער ווייסט נישט וואס גייט פאר מיט מיר, און איך ווייס נישט וואס צו טון, איך וויל זיך שוין ארויסזען פון מיינע פראבלעמען איינמאל פאר אלעמאל, נישט נאר פאר א וואך צוויי.

ביטע העלפט מיר, יישר כח.

**תשובה:**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת חיי שרה, כ״ב מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו קענסט זיך נישט פארשטעלן דאס גרויסקייט פון תשובה; ווען א מענטש טוט תשובה, ער וויינט זיך אויס צום אייבערשטן און ער זאגט: **״רבונו של עולם, זיי מיר מוחל אויף מיינע עבירות, איך הייב אן פונדאסניי״**, ער רעכנט אויס בפרטי פרטיות וואס ער האט געזינדיגט - ״אֵינוֹ זָז מִשָּׁם עַד שֶׁמּוֹחֲלִין לוֹ״, איז מען אים מוחל אויף אלע זיינע עבירות.

אבער מען דארף וויסן אז ווען מען טוט תשובה טאר דאס נישט זיין מיט קיין תנאים, צום ביישפיל ווי דו שרייבסט אז דו ווילסט תשובה טון און זיך ארויס זען פון דיינע עבירות ״איינמאל פאר אלע מאל, נישט פאר א וואך צוויי״; עס איז כדאי דו זאלסט לערנען אין ליקוטי הלכות (הלכות תרומות ומעשרות הלכה ג, אות ג) וואו רבי נתן שרייבט מורא׳דיגע דיבורים: ״כִּי עִקַּר הַתְּשׁוּבָה הוּא לֵב נִשְׁבָּר, וּמֵאַחַר שֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁפָּגַם כָּל כָּךְ הוּא מְחֻיָּב לִהְיוֹת מְרֻצֶּה שֶׁיַּעֲשֶׂה מַה שֶּׁיַּעֲשֶׂה בִּשְׁבִיל ה׳ יִתְבָּרַךְ, וְאַף עַל פִּי כֵן לֹא יִזְכֶּה כִּי אִם לְמַדְרֵגָה הַפְּחוּתָה מְאֹד״, א מענטש דארף זיין גרייט תשובה צו טון און דינען דעם אייבערשטן אפילו ער וועט נישט קענען אנקומען צו שלימות, ״וְאִם לֹא יִזְכֶּה עַל יְדֵי כָּל עֲבוֹדָתוֹ כִּי אִם לְמַעֵט עָנְשׁוֹ בְּגֵיהִנֹּם קְצָת גַּם כֵּן כְּדַאי לְבַלּוֹת כָּל יָמָיו בַּעֲבוֹדַת ה׳ בִּשְׁבִיל זֶה לְבַד״, און אפילו ער וועט נאר קענען אראפ נעמען פון זיך איין קליינע ברי פון גיהנום איז נאכאלץ כדאי צו דינען דעם אייבערשטן זיין גאנץ לעבן, ״כִּי צַעַר אֶחָד בַּגֵּיהִנֹּם רֶגַע אַחַת עוֹלֶה יוֹתֵר מִכָּל הָעוֹלָם הַזֶּה כָּל יְמֵי חַיָּיו״, ווייל איין ברי אין גיהנום איז מער ווייטאגליך פון אלע ווייטאג פון די וועלט.

רבי נתן זאגט אז דאס איז דער סיבה פארוואס מענטשן דינען נישט דעם אייבערשטן, ווייל זיי ווילן נאר דינען דעם אייבערשטן אויב וועלן זיי זוכה זיין צו ווערן

א גרויסער צדיק. און דאס איז געווען די סיבה פארוואס ירבעם בן נבט איז אוועק געפאלן; ווען דער אייבערשטער האט אים געזאגט: "חֲזוֹר בְּךָ וַאֲנִי וְאַתָּה וּבֶן יִשַׁי נְטַיֵּל בְּגַן עֵדֶן", טו תשובה און איך, דו און דוד המלך וועלן מיר צוזאמען שפאצירן אין 'גן עדן', האט ער געפרעגט דעם אייבערשטן: "מִי בָּרֹאשׁ?" ווער וועט זיין דער ערשטער - איך צי דוד המלך? האט אים דער אייבערשטער געענטפערט: "בֶּן יִשַׁי בָּרֹאשׁ!" דוד המלך וועט זיין בראש, האט ער נישט געוואלט תשובה טון. פרעגט רבי נתן: "וְלִכְאוֹרָה הַדָּבָר תָּמוּהַ, כִּי הֲלֹא יָרָבְעָם הָיָה חָכָם גָּדוֹל. וְאֵיךְ יַעֲלֶה עַל דַּעְתּוֹ לִשְׁאֹל אֶת ה' יִתְבָּרַךְ מִי בָּרֹאשׁ", עס איז זייער שווער צו פארשטיין, ירבעם בן נבט איז דאך געווען א גרויסער חכם, ווי קומט צו אים צו פרעגן אזא שאלה: "ווער וועט זיין בראש"? אודאי וועט דוד המלך זיין דער ערשטער, "וְכִי יִהְיֶה חוֹטֵא נִשְׂכָּר, הֲיַעֲלֶה עַל הַדַּעַת שֶׁאַחַר שֶׁהִרְשִׁיעַ כָּל כָּךְ יִהְיֶה גָּדוֹל יוֹתֵר מִדָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁעָבַד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד כָּל יָמָיו?!" ווייל ווי קען מעגליך זיין אז א מענטש וואס האט זיין גאנץ לעבן געזינדיגט זאל זיין העכער פון א צדיק וואס האט זיך א גאנץ לעבן מוסר נפש געווען פארן אייבערשטן? ענטפערט דער הייליגער רבי נתן אז דער פשט איז אזוי, ווען דער אייבערשטער איז געקומען צו ירבעם בן נבט ער זאל תשובה טון איז ער תיכף געווארן זייער צופלאמט און געוואלט וויסן צי ער וועט קענען צוקומען צו די גרעסטע מדריגה, אזוי ווייט אז ער זאל נאך זיין גרעסער פון דוד המלך, "נִמְצָא שֶׁלֹּא דִּבֵּר שְׁטוּת גָּמוּר כִּי לֹא עָלָה עַל דַּעְתּוֹ שֶׁיִּהְיֶה בְּחִנָּם גָּבֹהַּ מִדָּוִד", ער האט נישט געמיינט צו פרעגן צי ער וועט זיין אומזינסט העכער פון דוד המלך, "רַק שֶׁשְּׁאֵלָתוֹ הָיָה שֶׁהָיָה רוֹצֶה לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ כָּל כָּךְ עַד שֶׁיַּעֲלֶה בְּמַדְרֵגָה יוֹתֵר מִדָּוִד", נאר ער האט געוואלט וויסן אז אויב ער וועט תשובה טון און דינען דעם אייבערשטן צי ער קען נאך זוכה זיין צו קומען צו די גרעסטע מדריגה, "וְזֶהוּ בְּוַדַּאי אֶפְשָׁר וְאֶפְשָׁר", און דאס איז זיכער מעגליך, "כִּי כָּל אָדָם אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל יָכוֹל לַעֲלוֹת לְמַדְרֵגוֹת גְּבוֹהוֹת מְאֹד", ווייל אפילו א מענטש וואס האט זייער אסאך געזינדיגט, ער איז נעבעך א פושעי ישראל, אויב טוט ער תשובה קען ער זוכה זיין צוצוקומען צו די גרעסטע מדריגה, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן "בְּמָקוֹם שֶׁבַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה עוֹמְדִין אֵין צַדִּיקִים גְּמוּרִים יְכוֹלִין לַעֲמֹד", א בעל תשובה קומט אן אויף א העכערע פלאץ אויבן אין הימל ווי די צדיקים; מיט דעם אלעם האט ער נישט געטון ריכטיג, ווייל מען קען נישט אנהעגנען די תשובה אין דעם 'נאר אז מען קען נאך זוכה זיין וכו'', דעריבער האט אים דער אייבערשטער געענטפערט פארקערט ווי ער האט געוואלט הערן, אז דוד המלך וועט זיין העכער פון אים, "כִּי הוּא מְחֻיָּב לִהְיוֹת מְרֻצֶּה לָשׁוּב אֲפִלּוּ אִם לֹא יִזְכֶּה רַק לְמַדְרֵגָה קְטַנָּה מְאֹד", ווייל מען דארף זיין גרייט תשובה צו טון אפילו מען וועט זוכה זיין צו קומען צו א קליינע מדריגה, "וְאִם יִהְיֶה

מְרֻצֶּה לְכָךְ בְּוַדַּאי ה' יִתְבָּרַךְ יְרַחֵם עָלָיו", און אויב דער מענטש איז גרייט אויף דעם, ער וויל גארנישט נאר דעם אייבערשטן, וועט דער אייבערשטער רחמנות האבן אויף אים, "וּבְרִבּוֹת הַיָּמִים אִם יִהְיֶה חָזָק בְּדַעְתּוֹ לְבַל יַנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, יוּכַל לִזְכּוֹת לַעֲלוֹת מִדַּרְגָּא לְדַרְגָּא וְלִקְנוֹת חַיֵּי עוֹלָם וְיִזְכֶּה לְמַה שֶּׁיִּזְכֶּה, אַשְׁרֵי לוֹ".

דערפאר זאלסטו זיך ווייטער שטארקן מיט שמירת עיניים; קוק נישט אויף דעם וואס דער יצר הרעווארפט דיר נאכאמאל אראפ, דו פראביר זיך צו היטן אפילו פון איין קוק ווייניגער, און זאלסט שטענדיג געדענקען אז "א קוק ווייניגער איז א ברי ווייניגער".

זע צו לערנען א דף גמרא יעדן טאג; אפילו דו פארשטייסט נישט וואס דו לערנסט - זאג די ווערטער פון די גמרא, דאס וועט דיר העלפן זיך מתגבר זיין אויף די קליפה וואס איז מכשיל דעם מענטש אין פגם הברית. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן, חלק א', סימן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ לִילִית, עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", תלמוד באטרעפט די זעלבע ווי די נאמען פון די קליפה וואס מאכט א מענטש זינדיגן אין פגם הברית; אז דו וועסט זיין שטארק אין א דף גמרא יעדן טאג וועסטו זוכה זיין צו ווערן אן ערליכער איד.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

...

~~~~~~~~~~~

## ווי אזוי מעג א חתן רעדן מיט זיין כלה?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

צום ערשט וויל איך מודיע זיין פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז איך בין ב"ה א חתן געווארן למזל טוב, און איך מוז דאנקען דעם ראש ישיבה שליט"א אז נאר דורך די שיעורים און דרשות האב איך זיך געקענט דערהאלטן, דער ראש ישיבה האט מיר אויסגעלערנט צו זיין א איד, ווען דער יצר הרע רעדט מיר צו צו שלעכטס, שפיר איך ווי דער ראש ישיבה שטייט נעבן מיר און ווארנט מיר אז ס'לוינט זיך אים נישט צו פאלגן...

פון די שיעורים האב איך זיך אויסגעלערנט ווי אזוי מ'דארף זיך גרייטן צו די חתונה, וואס ס'מיינט געבן גוטע ווערטער פאר א צווייטן, ובפרט פאר א ווייב. יעצט איז מיין שאלה אזוי ווי ביי אונז פירט מען זיך אז דער חתן רעדט מיט די כלה איינמאל א וואך, צי מעג דער חתן געבן גוטע שיינע ווערטער פאר די כלה, אדער דאס איז דוקא נאר פאר נאך די חתונה?

א גרויסן יישר כח פאר אלעס, דער אייבערשטער זאל אייך באצאלן מיט אלעס גוטס.
~~~~~~~~~~~

יעקב

**תשובה:**

**בעזרת ה׳ יתברך - יום ד׳ פרשת חיי שרה, כ״ב מר-חשון, שנת תשע״ט לפרט קטן לכבוד החתן זאב נרו יאיר.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דאס וואס דו שפירסט ווען דער יצר הרע רעדט דיר איין צו טון שלעכטס ווי איינער שטייט נעבן דיר און ווארנט דיר וכו׳; דאס איז זייער א גוטע הנהגה, אזוי זאגט דער הייליגער רבי ר׳ אלימלך פון ליזענסק זכותו יגן עלינו (צעטל קטן, אות יב): ״יְצַיֵּיר בְּמַחְשַׁבְתּוֹ תָּמִיד וכו׳ כְּאִלּוּ אִישׁ אֶחָד עוֹמֵד סָמוּךְ לוֹ וּמְעוֹרֵר אוֹתוֹ בְּקוֹל רַעַשׁ גָּדוֹל לְקַיֵּים כָּל הַנְהָגוֹת אֵלּוּ וכו׳״, א מענטש זאל זיך שטענדיג אויס משל׳ן ווי איינער שטייט נעבן אים און איז אים מחזק ער זאל נישט פאלגן דעם יצר הרע, ״וּכְשֶׁיַרְגִיל עַצְמוֹ כַּךְ, אֲזַי בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן יָבֹא עָלָיו הִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מִצַּד נִשְׁמָתוֹ רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת יָ״ה״, אויב וועט ער אזוי טון וועט אים מיט די צייט ווערן גרינגער צו דינען דעם אייבערשטן.

בענין ווי אזוי צו רעדן מיט די כלה וכו׳; מען דארף אכטונג געבן צו רעדן נאר פאזעטיוו, קיינמאל זיך נישט אוועק מאכן און זיכער נישט דערציילן קיין שלעכטע מעשים מיט וואס מען איז דורך געפאלן חס ושלום.

שלמה המלך זאגט (משלי יז, כח): ״גַּם אֱוִיל מַחֲרִישׁ חָכָם יֵחָשֵׁב״, אפילו א נארישער מענטש - אויב שווייגט ער וועט מען אים אנקוקן ווי א קלוגער מענטש; רעדן איז זייער א גוטע זאך אבער מען דארף וויסן ווי אזוי צו רעדן. דער עיקר דארף מען רעדן נאר פאזעטיוו; דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן, חלק א׳, סימן כט): ״כִּי טוֹב הַכֹּל חֲפֵצִים״, אלע האבן ליב צו הערן גוטע ווערטער, אזוי וועט זי דיר ארויף קוקן און וועלן בויען מיט דיר א שיינע שטוב.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות א, ה): ״אַל תַּרְבֶּה שִׂיחָה עִם הָאִשָּׁה״, מען זאל נישט פארמערן צו רעדן מיט די אייגענע ווייב; שטעלט זיך א קשיא, מיט וועם דען זאל מען רעדן אז נישט מיט די ווייב? זאגט מוהרא״ש (עיין ברטנורא שם), אז דער פשט איז מען זאל נישט דערציילן פאר די ווייב קיין שוואכקייטן און קיין שום נעגעטיווע זאכן פון זיך, ווייל ווען די ווייב הערט אז דער מאן איז נישט בסדר אין אידישקייט, אדער זי הערט סתם זיינע שוואכקייטן, הייבט זי אן מזלזל זיין אין אים און דאס ברענגט נאכדעם מחלוקת. דערפאר זאלסטו זיך נישט זעלבסט אראפקלאפן און איר אויך נישט

אראפקלאפ מיט איר משפחה; פארגין צו געבן גוטע ווערטער, מען טאר נישט זיין קיין קמצן ווען עס קומט צו געבן גוטע ווערטער.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט אויפשטעלן א בית נאמן בישראל און זוכה זיין צו ליכטיגע אידישע דורות, אמן.

...